# פרשת מקץ כ"ב– כ"ח כסלו תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יונה מעזעי** הי"ו (בן הר"ר **יצחק אייזיק מעזעי** הי"ו, ב"פ), שהתקיים בבית המדרש דושינסקיא (ירושלים). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית ניגש **רבינו שליט"א** להגאון האדיר **רבי מאיר הלוי סאלאווייטשיק שליט"א** ראש ישיבת בריסק (שנתכבד בסנדקאות) לברכת שלום, ודיברו ביניהם על דבר קרבות המשפחה (**ר"י בריסק שליט"א** חתן הרבני החסיד **רבי יחיאל בענעדיקט** ז"ל חתן הרב **רבי ישראל פאללאק** ז"ל מזוענטא – אחיו של הגה"צ **רבי ישעי' פאללאק** זצ"ל אב"ד וואדקערט) ונפרדו בברכה.

*

***יום שני פרשת מקץ***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** בליווי חברי הנהלת כולל שומרי החומות בארה"ק לבקר בבניני המוסדות של 'שומרי החומות' בשכונת מאה שערים ירושלים עיה"ק.

בראשונה הגיעו לבנין התלמוד תורה שומרי החומות, שם קבלו מאות ילדי צאן קדשים בשירה וזמרה את פני **רבינו שליט"א** חבר נשיאות הכולל. מטעם הנהלת התלמוד תורה נשא דברים המחנך מומחה הרב **שמואל זאנוויל דאווידאוויטש** שליט"א, וקיבל את פני הקודש בדברי ברכה.

אחר פרקי שירה וזמרה נשא **רבינו שליט"א** מדברות קדשו, ובתוך דבריו שיבח את המוסד ששמו הטוב הולך למרחוק, ועודד את התלמידים צעירי הצאן להיות מוסיף והולך בתורה ועבודה ויראת שמים, ויתגדלו לתלמידי חכמים ויראי ה'. אחר שעמדו בריקוד לכבוד המאורע האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו לצוות המחנכים והנהלת התלמוד תורה.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, אטייל צונעמען היינט ביי די תלמוד תורה, קיין עין הרע אזעלכע חשובע טייערע קינדער, הכרת פנים ענתה בהם, מען דערקענט אויף די צורות, די ערליכקייט און די תורה און די יראת ה', וואס מען קויפט זיך איין יעצט אין די יונגע יארן. מען שטייט פאר די גרויסע יום טוב פון חנוכה, וואס אין די צייטן זענען די יוונים אויפגעשטאנען אויף כלל ישראל להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. עס איז געווען א מלחמה צווישן די יוונים און די יודען, און די ציל פון די יוונים איז געווען, אוועקצונעמען יודען פון תורה. און דער אייבערשטער האט געהאלפן אין די טעג, אז יודען האבען מנצח געווען, און מען האט געקענט ווייטער מקיים זיין די מצות, און לערנען תורה.

**מען** צינדט נרות חנוכה. אויסער דעם וואס די נרות חנוכה ווייזען אויף די נס פון די מנורה, וואס יעדן טאג איז צוגעקומען נאך א חלק פונעם נס. ווייזען אויך די נרות אויף נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), תורה און מצות ווערן אויך אנגערופן נר. און מען צינדט נרות חנוכה, אז מען זאל געדענקען אז די סיבה פארוואס מען איז חוגג די טעג, איז מכח דעם, ווייל מען האט געוואלט אוועקנעמען פון אונז די ליכטיגקייט פונעם נר מצוה ותורה אור, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז עס איז צוריקגעקומען, און מען האט ווייטער די נר מצוה וואס טוט שיינען אין א יעדע יודישע שטוב.

**מען** צינד אן די נרות חנוכה על פתח ביתו, ביי די טיר ווי מען גייט אריין און ארויס פון שטוב, ווייל אלע שטובער זענען הייליג, און ווען א יוד גייט ארויס פון זיין שטוב אויפן גאס, קען ער אמאל פארגעסן פון די קדושה, פון די הייליגקייט, וואס איז דא אין שטוב, **צינדט מען אן די נרות חנוכה ביי די טיר ווי מען גייט ארויס פונעם שטוב, כדי אים צו דערמאנען, אז ער זאל געדענקן, אז מיר זענען יודישע קינדער, און מיר דארפן זיך פירן אזוי ווי די תורה פארלאנגט פון אונז. און עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי מען איז, צו מען איז אין שטוב, צו מען איז אויף די גאס, אייביג דארף א יוד זיך פירן מיט די זעלבע קדושה און מיט די זעלבע ערליכקייט.**

**און** עס איז נישט גענוג אז מען צינדט איין נר, נאר מיר פסקנ'ען אזוי ווי די בית הלל, אז יעדן טאג איז מען מוסיף והולך, מען צינדט מיט איין ליכטל מער, כדי אונז צו לערנען, **אז א יוד דארף זיך נישט**

**באגענוגען מיט דעם וואס ער האט קונה געווען היינט. היינט האב איך געלערנט, היינט האב איך געקענט, און איך בין צופרידן מיט וויפיל איך האב געטון. נאר יעדן טאג דארף א יוד זיין א מוסיף והולך, צוגעבן נאך, היינט האסטו געקענט איין בלאט גמרא, דארפסטו מארגען פרובירן צו קענען נאך א פאר שורות, נאך א משנה, נאך א פרשה אין חומש. מארגן האסטו געלערנט און דו קענסט שוין מער, דארפסטו ווייטער מוסיף והולך זיין. א יוד שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ מיט זיין עבודה, אייביג פרובירט ער צוצוגעבן נאך און נאך.** מען האט געצינדן איין נר, דארף מען מארגען צינדן צוויי, מארגען אז מען האט געצינדן צוויי, דארף מען דעם קומענדיגן טאג צינדען דריי, דאס איז פאר אונז א לימוד, אז א יוד דארף שטענדיג זיין א מוסיף והולך אין עבודת ה'.

**מען** דאנקט דעם אייבערשטען על הנסים ועל הנפלאות ועל התשועות ועל המלחמות שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה. מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף די מלחמות, מען האלט דאך שוין נאך די מלחמות, מען האט שוין פריער געדאנקט אויף די נסים ונפלאות און אויף די תשועות, וואס דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן ביי די מלחמה, פארוואס גייט מען צוריק, און מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף די מלחמות. און נאר מער דארף מען פארשטיין, מיר זיכן דען מלחמות, אז מיר דאנקען אויף די מלחמה. מען האט נישט געהאט קיין ברירה, האט מען געמוזט פירן די מלחמה. די עיקר ביי אונז איז, אז מען איז פטור געווארן פון די מלחמה. פארוואס האבען די חכמים קובע געווען, אז מען זאל זאגען על המלחמות.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז עס איז דא מלחמות וואס מען האט צוטון מיטן פיינט פון אינדרויסן, און יעדער יוד האט א מלחמה ביי זיך אליין אויך, די מלחמת היצר, און די מלחמה האבען יודען געהאט אויסצושטיין מער בימי היוונים. די נסיונות זענען געווען גרעסער, און מען האט געדארפט פירן די מלחמות מיט א שטארקן כח, אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. **מען דאנקט דעם אייבערשטען על המלחמות, יא, ווען מיר האבען א נסיון, ווען מיר האבען א מלחמה, און מיר קענען עומד זיין אין די מלחמה, זיך קריגן מיטן יצר הרע, וואס דאס איז אונזער עבודה, לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע (ברכות ה.), א יוד דארף שטענדיג צוגעבן און זיין א מוסיף והולך אין קדושה. נאכדעם וואס מען האט שוין געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די נסים ונפלאות, און אויף די תשועות דאנקט מען דעם אייבערשטען אויך אויף די צייטן פון די מלחמות.**

**די** קינדער זיצן און לערנען פלייסיג, ב"ה עס איז א נחת צו הערן, מען דארף נישט קומען אהער, געוואר צו ווערן וואס כולל שומרי החומות איז, ענקער נאמען גייט זייער ווייט, עס קומט אן ביז צו אונז, איבערן ים, ווי שיין די תלמוד תורה פירט זיך. איז נאר דא אזופיל צו וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז איר זאלט אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און ענקערע עלטערן און רבי"ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת דקדושה, און מיר זאלן אלע בקרוב זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

מחיל אל חיל עבר **רבינו שליט"א** לבית המדרש צעהלים שע"י ישיבת כתב סופר (ששיפץ לאחרונה ע"י ידידינו הרבני הנגיד רבי דוד **קאהאן** הי"ו), שם נכנס להיכל כולל חושן משפט שע"י כולל שומרי החומות, והתפלל תפלת מנחה יחד עם לומדי הכולל, עם סיום התפלה עברו הקהל בברכת שלום.

אחר כך סייר **רבינו שליט"א** ברחבי היכל הכולל, ובקומה החדשה שנבנה למעלה, וביטא את התפעלותו מהרחבת גבולי הקדושה בקרב הישיבות והכוללים 'שומרי החומות', ובירך את חברי ההנהלה שיזכו להרבות פעלים לתורה ולתעודה בקרב עם סגולה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למושב בית חלקיה לבקר את ש"ב **הגה"צ רבי שלמה הלוי פאללאק שליט"א** אב"ד בית חלקיה, (חתן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל). בתוך השיחה דיברו על הנהגת הקהילות על ידי הרבנים בשנות קדם. גם דיברו כמה הלכתא גבירתא בהל' שמיטה, ובעבודת הקרקע בגינות ולעקור עשבי השדה לנוי וכדו'.

משם נסע **רבינו שליט"א** לעיר רחובות לבקר את ש"ב **הגאון רבי יוסף דוב פישער שליט"א** רב ואב"ד דקהל חברת לומדי תורה ברחובות (חתן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל). אחר שיחה בדברי תורה למשך זמן חזר **רבינו שליט"א** לירושלים עיה"ק.

בתפלת מעריב עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה.

אחר תפלת מעריב עבר **רבינו שליט"א** לביקור כבוד בבית ש"ב **הגה"צ רבי חיים אורי פריינד שליט"א** ראש ישיבת רמ"א וחבר הבד"ץ עדה החרדית (חתן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל). השיחה התארכה על גדולי ירושלים וחכמיה בשנים שעברו, ועל התקופות שונות שעברו בעיר ה' שמה.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** בליווי בחורי אנ"ש ובני המשפחה למרומי הר המנוחות להתפלל אצל ציון אמו הרבנית הצדקית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר אמירת פרקי תהלים וקדיש ניגש **רבינו שליט"א** ועמד בתפלה ברגשי קודש מול הציון של **הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע**, אחר שקרא שם פתקאות צוה להניח כל הפתקאות על הציון.

בשעות הערב נתאספו בחורי ואברכי אנ"ש להדלקת נרות חנוכה של **רבינו שליט"א** בבית האכסניא. אחר שזימרו הזמירות כנהוג, השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין נס חנוכה, ובגדרי מצות פרסומי ניסא, וישב בכמה אנפין קושית המפרשים למה הוצרכו לנס הלא טומאה הותרה בציבור. וסיים דבריו בדברי חיזוק והדרכה להבחורים שיתאזרו בלימוד התורה ובעבודת ה' בטהרה, ושנזכה ליראות בקרוב בבנין ציון וירושלים בהעלות הכהן את הנרות בבנין בית קדשנו ותפארתנו.

אחר כך זימרו מזמור השמים מספרים, **ורבינו שליט"א** שתה לחיים, וחילק מיני מזונות לכל המסובים כנהוג.

אחר הדלקת הנרות עברו הקהל הנוכחים בברכת פרידה מאת **רבינו שליט"א**, ובשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לניו יארק.

*

***יום רביעי פרשת מקץ***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** בחזרה אל ביתו נאוה. בתפלת שחרית עלה **רבינו שליט"א** לתורה ובירך ברכת הגומל.

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"צ רבי דוד ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מקאלבסוב, **הרה"ג רבי ישכר בעריש וויינבערגער שליט"א** אב"ד טורקא.

באמירת דברי תורה עמד **רבינו שליט"א** על קושית המפרשים דטומאה הותרה בציבור, והאריך בדיני טומאה במכשירי מצוה, ובכניסת כהן בטומאה למקדש ושהייתו שם בטומאה. אחר כך המשיך בדברי אגדה בענין הפך שמן שמצאו בבית המקדש שהיתה של יעקב אבינו כדאיתא בספרים, וזהו א-ל הוי"ה ויאר לנו, היינו יעקב שהוי"ה קראו א-ל (מגילה יח.), בזכותו ובעבודתו נמשך נס השמן להאיר לנו בהדלקת המנורה בימי החשמונאים.

*

***יום חמישי פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ג' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), **הרה"ג רבי שמשון צינגער שליט"א** אב"ד תבואות שמש. **הרה"ג רבי ישעי' גדלי' קויפמאן שליט"א** דומ"ץ קראלי.

באמירת דברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** בדברי הראשונים בזמן המדוייק בו נצחו ישראל במלחמה נגד היונים, ובשיטת הרמב"ם שהדליקו המנורה במקדש גם ביום. ובענין ההידור שהידרו כלל ישראל בעשיית השמן למנורה להדר אחר שמן של עיר תקוע, ולכתוש הזיתים

ולהוציא שמנו על ידי המומחים ביותר לעשות שמן זית זך, ועיקר הנס לח' יום היתה שיהיה להם שמן זה בהידור, ולכך תיקנו בנרות חנוכה מהדרין מן המהדרין.

*

*__שבת קודש פרשת מקץ__*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א.**

*

*__השמטה מהדברי תורה בסעודה שלישית פרשת וישב בעיה"ק ירושלים:__*

**איך** וויל זאגען א פאר ווערטער פאר די בחורים וואס זענען דא, בחורים פון די ישיבה, און פון די קהלה. בחורים בני תורה וואס נוצן אויס די צייט, מען קומט דאך אהער קיין ארץ ישראל כדי צו לערנען, און נישט זיך ארומצודרייען. עס איז אבער נישט גענוג, אז א בחור לערנט די סדרים פון די ישיבה, דאס דארף דאך יעדער איינער לערנען. יעדער בחור דארף האבען א מסכת אדער א הלכה, וואס ער דארף לערנען ווען ער האט פרייע צייט. ווען ער זעהט אין די סדרים פון די ישיבה, אז ער האט נישט קיין חברותא, דא האט ער א פערטל שעה, דא האט ער א שעה, פרייטאג, שבת, מוצאי שבת, דארף ער האבען פאר זיך א סדר, וואס דאס זאל ער קענען לערנען ווען ער האט פרייע צייט.

**ווען** מען זאל זיך מתבונן זיין, קען מען יעדעס יאר קונה זיין, אזוי אין דער זייט, איינס אדער צוויי מסכתות, אן דעם וואס עס איז דא א סדר. צו א סדר דארף מען זיך אוועקזעצן מיט א חברותא צוזאמען, און אפאר מאל זעצט מען זיך נישט אראפ, אמאל איז ער דא אבער זיין חבר איז נישט דא, דארף ער האבען פאר זיך א סדר צו לערנען, און אז ער האט א סדר צו לערנען, נוצט ער אויס די צייט וואס ער האט.

**ביי** אונז אין די קהלה האט מען יעצט אנגעהויבן צו לערנען אויף א סדר, מען האלט יעצט אינמיטן מסכת ברכות, די דריטע פרק. עס איז א עמוד א טאג, פון זונטאג ביז דאנערשטאג, מען לערנט צוויי און א האלב בלאט א וואך, און פרייטאג און שבת זאל מען עס איבערחזר'ן. עס איז דא אסאך בחורים וואס איך ווייס אז זיי האלטן עס מיט, איך וויל יעצט מעורר זיין פאר די וואס האבען ביז יעצט נישט מיטגעהאלטן, אז מען קען זיך נאך מיטכאפן דערמיט. עס איז א געבענטשטע זאך, מען קען אזוי גרינגערהייט אדורכלערנען מסכת ברכות און מסכת שבת, אין א זייטיגע זמן. פאר א עמוד א טאג, קען מען אייביג טרעפן צייט ווען מען זאל עס לערנען. פארן דאווענען, אדער נאכן דאווענען, נאכמיטאג, ביינאכט, עס איז א געבענטשטע זאך. און אז מען האט א סדר פאר זיך, קען מען אויסנוצן די צייט ווען מען איז פריי.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, עס קומען די וואך די גרויסע טעג, די ימי חנוכה, טעג וואס איז געווען נסים ונפלאות פאר יודען, עס איז צוריק אנגעצינדן געווארן דער אור התורה, וואס איז אויסגעלאשן געווארן בימי היוונים, שהחשיכו עיניהם של ישראל, זיי האבען פינסטער געמאכט די אויגן, כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. און דער אייבערשטער האט געהאלפן אין די טעג, אז די יודען זענען באפרייט געווארן פון די יוונים, און זיי האבען צוריק מקבל געווען אויף זיך דעם עול התורה, איז זיכער דא א כח אין די טעג. עס שטייט אין די הייליגע ספרים, אז אין די ימי החנוכה ליגט א אור וואס איז באהאלטן, און עס הייבט אן צו שיינען אין די טעג. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן עס קענען אויסנוצען, והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצותיך, אור חדש על ציון תאיר, ונזכה כלנו במהרה לאורו, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

# **פרשת ויגש כ"ט כסלו– ה' טבת תשע"ה לפ"ק**

***יום ראשון פרשת ויגש***

בשעות הערב (ליל ו' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה, **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** מו"ץ דקהלתנו בוומסב"ג, **הרה"ג רבי חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א** דומ"ץ בכולל טארטיקוב (חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), **הרה"ג רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א** ראה"כ סאטמאר (וומסב"ג).

באמירת דברי תורה עמד **רבינו שליט"א** בדברי מרן **החתם סופר זי"ע** שבעת הנס הדליקו נרות המנורה בחוץ בחצרות קדשך, והאריך בשיטת הרמב"ם שהדלקת המנורה כשרה בחוץ, ודברי **המנחת חינוך והכלי חמדה** שהעירו בזה אי בהדלקת נרות המקדש הדלקה עושה מצוה או הנחה. ובתוך הדברים העלה **רבינו שליט"א** דבר חידוש, שבהיות שגם השלחן ניטל מתוך ההיכל בעת שבאו פריצים וחללוה, ולא היתה באפשרות שתהיה המנורה נוכח השלחן, וגם לחם הפנים לא נסדרה כהלכתה על השלחן, על כן הותרה להדליק גם מחוץ להיכל, ולא היתה מצותה להדר בכי האי גוונא להדליקה בפנים דייקא.

והמשיך בדברי אגדה בגודל ענין ההכנה למצוה שחשובה יותר מעצם קיום המצוה, וכתבו ראיה לזה מהדלקת המנורה שכשרה בזר ודישון וההטבה בכהן דוקא, והביאור בזה הוא לפי שקיום עצם המצוה תלוי כפי ערך ההכנה שהכינו אליה. - וכן הוא בקדושת השבת שתלוי לפי ערך ההכנה, וחזר על מה ששמע מחסיד אחד, שעל כן רואים שבקבלת שבת בוער האדם בתפלתו בקדושת השבת יותר מביום השבת שאחריו, שזהו על דרך המסילת הברזל שמקודם שמתחיל לנסוע מבעיר ומדליק הלאקאמאטיוו את התנור, ועושה רעש גדול להבעיר את המאשין, ואחר כך כבר נוסע בנחת, כמו כן בכניסת השבת מבעיר האדם את נפשו אחר ימות החול, ואחר ההכנה בהתלהבות כבר מגיע בקל בשאר משך שעות השבת.

*

***יום שני פרשת ויגש – א' דר"ח טבת***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה בבארא פארק. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **חיים משה שווארץ** הי"ו (ב"פ, בן הר"ר **ברוך יוחנן שווארץ** הי"ו, וומסב"ג). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, יון איז אויפגעשטאנען אויף כלל ישראל להשכיחם תורתך, זיי האבען געוואלט מאכען פארגעסן די תורה פון יודען, און זיי מעביר זיין פון די חוקים פונעם אייבערשטן. די מפרשים שטעלן זיך, ווי אזוי קען מען מאכען א מענטש זאל פארגעסן א זאך וואס ער געדענקט. מען קען אים צווינגען אז ער זאל נישט לערנען, מען קען אים שטערן פון לערנען, אבער מען קען נישט נעמען א זאך וואס ער האט שוין קונה געווען, און מאכן אז ער זאל עס פארגעסן. וואס איז די אויסדרוק, אז די מלכות הרשעה איז אויפגעשטאנען להשכיחם תורתך, צו מאכען פארגעסן די תורה וואס זיי האבען געהאט.

**אין** פשטות איז די פשט, ווייל תורה איז נישט אזוי ווי אלע אנדערע חכמות, וואס ווען א מענטש האט עס איינמאל געלערנט, און ער קען די חכמה, בלייבט עס ביי אים שטענדיג אין זכרון. א דאקטער וואס האט זיך געלערנט רפואה, איינמאל ער האט זיך אויסגעלערנט די חכמת הרפואה, און ער קען זיין פאך, געדענקט ער עס. אבער תורה איז נישט אזוי, אויף תורה זאגט די גמרא (מגילה יח:) התעיף עיניך בו ואיננו (משלי כג-ה), טאמער מען מאכט זיך צו די אויגן פון לימוד התורה, און מען חזר'ט נישט איבער וואס מען לערנט, האלט זיך נישט די תורה אין א מענטש. תורה איז א רוחניות'דיגע חכמה, און די גוף פון א מענטש איז א גשמיות'דיגער גוף, און גשמי מיט רוחני גייט נישט צוזאמען. מען דארף שטענדיג חזר'ן די תורה, און מען דארף עס שטענדיג לערנען, ביז די גוף זאל עס קענען קולט זיין אין זיך, און געדענקן די תורה. טאמער די

יונים שטערן פון לימוד התורה, איז נישט נאר אז מען האט געשטערט אז מען קען נישט ווייטער לערנען, נאר עס איז להשכיחם תורתך, וואס מען האט ביז יעצט געלערנט, וועט מען אויך פארגעסן. ווייל עס איז נישט מעגליך צו געדענקן די תורה וואס מען האט געלערנט, נאר אז מען קען ווייטער עוסק זיין און חזר'ן וואס מען האט געלערנט.

**לעניננו** קען זיין, אלע שטעלן זיך אויף די קשיא, אז נאר זיבן טעג איז געווען א נס, וואס איז די טעם, אז מען האט קובע געווען אכט טאג חנוכה. אין די קדמונים שטייט, אז בעיקר האבען זיי זיך פארלייגט אויף דריי מצות, זיי האבען געוואלט אז מען זאל נישט מקיים זיין חודש, שבת, און מילה. דער **בני יששכר** (כסלו ד-לז) איז מאריך דערין, פארוואס זיי האבען זיך פארלייגט דווקא אויף די דריי מצוות. מען האט געוואלט מאכן א זכר, וואס עס זאל זיין נכלל אין דעם אלע גזירות וואס זיי האבען גוזר געווען אויף יודען. אז עס איז אכט טאג חנוכה, געפאלט ראש חודש אינמיטן, און עס איז דא א שבת אינוויינוויג, און מילה איז ניתנה לשמיני, איז דא אין די אכט טאג א רמז אויף אלע דריי זאכען וואס זיי האבען געוואלט מבטל זיין.

**וועגן** דעם שטייט אין די מפרשים, אז מען רופט אן די לעצטע טאג חנוכה, 'זאת חנוכה'. ווייל לעולם איז נאר געווען א נס זיבן טאג, דער אכטער טאג איז שוין נישט געווען א נס, און מען וואלט נישט געדארפט קובע זיין דעם אכטן טאג אלץ א יום טוב. נאר מילה ווערט אנגערופן 'זאת', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה נט-כא) זאת בריתי. מען האט געוואלט מאכען א רמז אויך אויף די מצוה פון מילה, האט מען צוגעגעבן נאך א טאג, רופט מען דעם טאג 'זאת' חנוכה, ווייל דער טאג איז געגעבן געווארן וועגן די מצוה פון מילה וואס ווערט אנגערופן 'זאת'.

**און** מילה איז נישט דא א השגה אין תורה הק', אזוי שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים) אז אונקלוס הגר האט זיך געוואלט מגייר זיין, און זיין פעטער, אנדרינוס קיסר, האט אים געזאגט, איך פארשטיי אז דו האסט געוואלט לערנען זייער תורה, ווייל דו ווילסט זיין געלערנט, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי (תהלים קמז-יט), נאר אויב איינער איז געמל'ט אזוי ווי יעקב, קען ער זוכה זיין צו תורה. און אזוי ווי איך האב געוואלט לערנען תורה, האב איך זיך געמוזט מל'ן, ווייל מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, ווען מען איז נישט געמל'ט.

**זיי** האבען געוואלט מבטל זיין די מצוה פון מילה. און טאמער מען שטערט די מצוה פון מילה, אז מען זאל זיך נישט מל'ן, איז להשכיחם תורתך, קען מען אויך נישט לערנען קיין תורה, און מען פארגעסט וואס מען האט געלערנט. - און פארדעם מאכט מען חנוכה אכט טעג, צו ווייזען, אז דורך די מצוה פון מילה האבען זיי געוואלט להשכיחם תורתך, און מילה איז אכט טאג, האט מען קובע חנוכה, אז עס זאל אויך זיין אכט טאג.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יהושע יצחק צבי וויינגארטען** הי"ו (בן הר"ר **שלום וויינגארטען** הי"ו, ב"פ) שהתקיים באולם אנשי ספרד.

בשעות הערב (ליל ז' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר (פתח תקוה), **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א** ראש ישיבתינו הק'.

באמירת דברי תורה הוסיף **רבינו שליט"א** עוד במה שדיבר בליל ו' דחנוכה העעל"ט על דבר נרות המקדש אי הדלקה עושה מצוה או הנחה. והאריך בסוגית הגמרא לענין נר חנוכה שהדלקה עושה מצוה שתלוי בפלוגתא דאמוראי אי אשו משום חציו או משום ממונו, ובגדרי החשש שיאמרו לצורכו הוא דאדלקה בנרות בית המקדש.

והמשיך בדברי אגדה ברמז הדברים שהדלקה כשרה בזר, וההטבה ודישון המנורה כשרה רק בכהן, לפי

שהדלקת המנורה רומזת על עוסקי תורה, שמדליקין הנר מצוה ותורה אור, אמנם הם נצרכים לאחרים שיחזיקו אותם וימציאו להם צרכיהם, וזהו דוגמת הטבת המנורה שמסלקין דברים המונעים לשמן ופתילה שתאיר זיוה. והקב"ה הראה בזה חשיבות מחזיקי תורה שיש בהם נקודות שעומדים במעלה יותר מעוסקיה, ולזה ההטבה נעשית רק בכהני ה', ואילו ההדלקה יתכן גם על ידי זרים.

*

***יום שלישי פרשת ויגש***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בשמחת הברית מילה של בן הרה"ג רבי **פישל לעווי** שליט"א, מנהל דישיבתנו הק', שהתקיים בבית המדרש קלויזענבורג. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. **כ"ק האדמו"ר מקלויזענבורג שליט"א** כיבד את **רבינו שליט"א** בברכות וקריאת השם, **ורבינו שליט"א** החזיר את הכוס לקריאת השם.

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג - בארא פארק – מאנסי את היכל הגדול של בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב רבי **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד וכיבד את מנהל הת"ת במאנסי **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי לשאת דברים. אחריו עמד אחד מתלמידי הת"ת במאנסי הבחור **יעקב טענענבוים** ני"ו להשמיע דבר חידוד ופלפול ליומי דחנוכה.

אחר פרקי שיר נאם הרב רבי **משה יואל גערטנער** שליט"א מנהל הת"ת בבארא פארק, וכיבד שני ילדים מתלמידי הת"ת בב"פ, הילד **אליהו שטערן** ני"ו (בן הר"ר יהושע שטערן הי"ו), והילד **נפתלי קליינמאן** ני"ו, להשמיע דבר פלפול בענינא דיומא בדרך שאלה ותשובה. אחריהם השמיע דבר תורה הבחור **צבי יהודא פאפלאנאש** ני"ו (בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א) מתלמידי הת"ת בוויליאמסבורג.

אחר שזימרו ניגונים לכבוד היום השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, צו זיצן צוזאמען מיט די חשובע תלמידים פונעם תלמוד תורה, הכרת פניהם ענתה בהם, מען קוקט אן די שיינע לעכטיגע צורות פון די קינדער וואס זיצן און לערנען תורה דעם גאנצן טאג, איז עס א גרויסע שמחה.

**דער** יום טוב פון חנוכה איז זייער צוגעפאסט פאר קינדער וואס זיצן א גאנצע טאג און לערנען תורה, יעדער ווייסט, אז די גזירה פון די יוונים איז געווען, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, זיי האבען געוואלט מאכן פארגעסן תורה פון יודען, זיי האבען געוואלט אוועקנעמען יודען פון צו טון די מצוות פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער האט געהאלפן, און מען האט באזיגט די פיינט, און דאס איז דער יום טוב פון חנוכה. זיי האבען גוזר געווען, כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל, אז א יעדער זאל ארויפשרייבן, און מאכען א טאוול ביי זיך, אז ער האט נישט קיין חלק אינעם אייבערשטען. זיי האבען נישט געלאזט האלטן שבת, זיי האבען גוזר געווען אז מען זאל זיך נישט מל'ן, זיי האבען מבטל געווען חודש, וואס זיי האבען געקענט שטערן יודען פון עבודת ה', האבען זיי געטון.

**זיי** זענען ארייגעגאנגען אין בית המקדש, און חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און זיי האבען נישט געלאזט טון די עבודה. פירצו בה פרצות, מען האט אויפגעבראכען דעם בית המקדש, און מען האט מטמא געווען אלעס וואס איז געווען דארט. צוגענומען אלע כלים וואס איז געווען אין בית המקדש, נישטא קיין מנורה, קיין שלחן, זיי האבען צוגענומען אלע כלי שרת, און אויסגעליידיגט דעם בית המקדש. חושך דאס איז מלכות יון, שהחשיכו עיניהם של ישראל, זיי האבען טונקל געמאכט די אויגן פון יודען, און אין די טעג האט דער אייבערשטער געהאלפן, אז די יודען האבען באזיגט די מלחמה, און מען האט געקענט צוריק אנהייבן צו טון די עבודה אין בית המקדש. מען

האט געקענט צוריקגיין לערנען אין די חדרים, מען האט געקענט אנהייבן צוריק צו לערנען תורה, דאס איז די חשיבות פון די הלל והודאה וואס יודען דאנקן דעם אייבערשטען אין די טעג פון חנוכה.

**אז** מען וויל פארשטיין די גרויסע נס פון די נצחון המלחמה וואס איז געווען דעמאלטס, שטייט אין רש"י אויפן פסוק (דברים לג-יא), ברוך ה' חילו ופועל ידיו תרצה, אז די חשמונאים וואס זענען ארויסגעגאנגען פירן די מלחמה זענען געווען צוועלף מענטשען, אקעגן כמה רבבות, צענדליגער טויזנטער סאלדאטן, גוים פון יון וואס האבען געפירט די מלחמה. און צוועלף מענטשען האבען זיך אקעגן געשטעלט, און זיי האבען געזיגט די מלחמה. עס איז נישט צו פארשטיין ווי אזוי דאס קען זיין, אז צוועלף מענטשען זאלן זיך קענען אקעגנשטעלן טויזנטער טויזנטער גוים וואס זענען געווען געשולט אויף מלחמה.

**נאר** אזוי ווי די יודען האבען געוואלט טון די רצון פונעם אייבערשטען, ווען א יוד וויל טון דעם רצון פונעם באשעפער, באקומט ער עקסטערע כוחות, און עקסטערע חיות. דער באשעפער האט געגעבן רבים ביד מעטים, נישט נאר סתם, ווייניג מיט אסאך, נאר רבים רעדט מען פון טויזנטער, און מעטים רעדט מען פון געציילטע מענטשען, וואס דער אייבערשטער האט זיי איבערגעגעבן אין זייערע הענט. נאכדעם איז געשען די נס פון די נרות, אז מען האט געקענט האבען שמן בדרך נס, אז מען זאל קענען צינדען די מנורה, און אויף דעם זענען מיר חוגג די ימי חנוכה, און מיר צינדען אויך אן יעדע נאכט די נרות חנוכה.

**אין** די גמרא (שבת כב.) איז דא א מחלוקת ביי וועלכע זייט פון די טיר מען דארף צינדען די נרות חנוכה, ביי די רעכטע אדער ביי די לינקע. איין מאן דאמר זאגט, אז מען דארף צינדען ביי די רעכטע זייט, דארט ווי די מזוזה איז, וויבאלד עס איז שוין דא א מצוה פון מזוזה, זאל מען צושטעלן דארט אויך די נרות חנוכה. מיר פסק'נן נישט אזוי, מיר פסק'נן אז מען צינד עס אויף די לינקע זייט, כדי א מענטש זאל זיין מסובב במצות. ווי דו דרייסט דיך, זאלסטו האבען א מצוה. אויף די רעכטע זייט האסטו א מזוזה, און אויף די לינקע זייט האסטו נרות חנוכה. וואס לערנט אונז דאס וואס מען צינד נרות חנוכה בשמאל, כדי א מענטש זאל זיין ארומגענומען מיט מצוות.

**מען** וויל אויסלערנען א יוד, אז אויב דו ווילסט זיך מתגבר זיין אויף די יוונים, שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, אייביג איז דא גוים אומות העולם וואס זוכן אונז צו שטערן פון תורה און עבודת ה', אמאל איז עס מיט מלחמות, אמאל איז עס מיט גזירות, און אמאל איז עס מיט ליבשאפט. ווי אזוי מען קען אוועקנעמען יודען פון תורה, טוען זיי עס טון. ווי אזוי קענען מיר זיגען א מלחמה אקעגן די יונים. ווען א יוד איז מסובב במצות, אייביג זיין ארומגענומען מיט א מצוה, ווען דו קענסט טון א מצוה כאפ דיך צו דערצו, ווען דו קענסט לערנען אווארט תורה, ביזטו ארומגענומען מיט א מצוה. דו קענסט זאגען א קאפיטל תהלים, דאווענען, ווי דו קענסט, דריי דיך ארום אז פון אלע דיינע זייטן זאלסטו זיך געפונען מיט א מצוה. ווען א יוד געפינט זיך שטענדיג ביי א חפץ של מצוה, ביי א דבר מצוה, האט ער א חומה ארום זיך, אז מען זאל אים נישט קענען בייקומען. אז מען וויל זיך קענען מתגבר זיין אויף די יוונים, דארף מען זיין מסובב במצות פון אלע זייטן, א מזוזה פון איין זייט, נר חנוכה פון די צווייטע זייט, און דער בעל הבית מיט די ציצית אינדערמיט, זיין ארומגענומען מיט מצות.

**און** ווי שטעלט מען די נרות חנוכה, ביי די טיר. פון איין זייט איז דא א מזוזה, און פון איין זייט איז דא די נרות חנוכה. ווייל א יוד ווילאנג ער איז ביי זיך אינדערהיים, ביי זיין טאטע און מאמע אין שטוב, איז ער אפגעהיטן, און ער פירט זיך ערליך. ווען מען איז אין חדר פירט מען זיך ערליך, ווען מען איז אין בית המדרש פירט מען זיך ערליך. ווי הייבן זיך אן די נסיונות פון א מענטש, ווען מען גייט ארויס פונעם שטוב. האסט ארויסגעטרעטן פון דיין טאטע'ס שטוב, האסט ארויסגעטרעטן פון חדר, ביזט ארויס פון בית המדרש, דארט הייבן זיך אן די נסיונות פון א יוד. ווען מען קומט ארויס אויף די גאס, צווישן גוים און אומות העולם, וואס פירן זיך אנדערש פון

אונז, דארט הייבט זיך אן די תאוות עולם הזה, וואס טוט זיך אסאך מאל מתגבר זיין אויפן מענטש.

**די** תורה האט אונז געזאגט, אז א יעדע טיר דארף האבען א מזוזה, און אין די מזוזה שטייט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, ווען דו טרעטסט ארוס פון דיין שטוב, לייג ארויף דיין הענט אויף די מזוזה, און געב א קיש פאר די מזוזה. כדי דו זאלסט דיך דערמאנען וואס עס שטייט אין די מזוזה. ווען דו גייסט ארויס פון דיין שטוב, קענסטו יעצט נכשל ווערן מיט די נסיונות וואס איז דא אינדרויסן אויף די גאס. דערמאן זיך אין די מזוזה, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און מען דארף אלעס אוועקגעבן פארן רבונו של עולם, ליב האבען דעם אייבערשטען, אוועקגעבן דיין לעבן, און דיין פארמעגן, פארן רבונו של עולם.

**אין** די ימי חנוכה האבען די חכמים צוגעגעבן אז אויסער די מזוזה, זאל מען אויך לייגן ביי די טיר די נרות חנוכה, אז ווען דו גייסט ארויס פון די טיר זאלסטו געדענקן, אז עס איז אמאל געווען יוונים, און עס איז היינט אויך דא יוונים. דעמאלטס האט מען געפירט גזירות אקעגן יודען, און היינט איז אויך דא גזירות אקעגן יודען. אנדערע סארט גזירות, און אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז דעמאלטס מציל געווען, ווייל יודען האבען געוואלט זיין ערליך, היינט ווען מיר זענען מסובב במצות, קענען מיר זיך אויך אויפפירן ערליך. דאס איז די לימוד מוסר השכל וואס מען לערנט אראפ פון די מזוזה, מיט די נרות חנוכה. זיצן אין שטוב, און זיך נישט דרייען אויף די גאס, נישט ארויסגיין אויף א פלאץ ווי מען קען האבען א נסיון. מען קען נישט זיצען א גאנצע טאג אין שטוב, מען מוז דאך ארויסגיין, אבער בעפאר דו גייסט ארויס, נעם דיך א מינוט, שטעל דיר אפ ביי די מזוזה, און געדענקט, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, און אזוי זאלסטו ארויסגיין אינדרויסן אויף די גאס. שטענדיג זיין מסובב במצות, זיך דיך ארומצונעמען מיט א חומה פון מצות, דעמאלטס קען מען זיין ערליך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מיטנעמען פון די ליכטיגקייט פון די נרות חנוכה אז עס זאל אריינשיינען אין אונזערע הערצער. והאר עינינו בתורתך, ליכטיג צו מאכען אונזערע אויגן אין די תורה, און עס איז נישט גענוג והאר עינינו בתורתך, נאר ודבק לבנו במצותיך, מען זאל קענען צוקלעבן אונזערע הארץ אין די מצות. און נאכדעם קומט נאך א העכערע תפלה, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, אונזער הארץ זאל נישט האבען עפעס אנדערש, נאר איין זאך, לאהבה וליראה את שמך. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מיטנעמען פון די נרות חנוכה ליכטיג צו מאכן אונז, מיט אונזער לעבן, מיט נר מצוה ותורה אור. שטייגען אין תורה און אין עבודת ה', לערנען און דאווענען, און שטענדיג זיכן ווי מען קען טון נאך א מצוה פארן רבונו של עולם. ווען מיר זוכה זיין, אז פון די ליכטיגע טעג פון חנוכה, וועלן מיר קענען ליכטיג מאכן אינעם בית המקדש. ערכתי נר למשיחי, מיט דעם וואס מיר טוען אפרעכטן די נר פון חנוכה, טוט מען זיך צוגרייטען צו ביאת המשיח. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי, **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש.

באמירת דברי תורה ביאר **רבינו שליט"א** מה שמדליקין נר חנוכה משמאל, שהוא לרמז ענין משמאלה עושר וכבוד, שעבור קיום מצוות דרבנן מקבלים שכר גם בהאי עלמא. ובענין שעל ידי קיבול שכר מצוה בהאי עלמא אפשר להנצל על ידי זה מהרהורי עבירה (כמבואר בקידושין לט.), וזהו שאמרו שאסור להרצות מעות נגד נר חנוכה, שלא יכוון בקיום מצות נר חנוכה על קבלת השכר מצוה בגשמיות, רק עבור השכר רוחני להנצל מהרהורי עבירה ולהתקדש בקדושה של מעלה.

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית ביחד עם תלמידי ישיבתנו הק'. אחר התפלה נטל ידיו לסעודה לכבוד יום

זאת חנוכה. בתוך הסעודה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בגודל האור שנתגלה בימי החנוכה, וביאר בארוכה הענין המבואר בספה"ק שנתגלה האור הגנוז שנגנז בתורה הק', ומי שעוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ומגלין לו רזי תורה, וסיפר כמה עובדות איך שהצדיקים הקודמים ראו ברוח קדשם למרחוק שזה בא להם בכח קדושת תורתם. והשמיע דברי הדרכה להבחורים להוסיף אומץ בהתמדה בתורה, ולעזוב בשנים המובחרות האלו כל הבלי ותענוגי עולם הזה, ובכל אות נפשם יהיו שקועים רק בתורה ועבודת ה', ואז יצליחו לאור הגנוז בתורה ולהתגדל לאילנא רברבי, ואחריתך ישגה מאוד. אחר הסעודה חילק **רבינו שליט"א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***<u>וזה תוכן השיחה</u>***

**מיר** שטייען שוין אין די לעצטע מינוטן פון די הייליגע לעכטיגע טעג פון חנוכה, עס גייט אדורך אזא וואך פון חנוכה, קומט זיך אז מען זאל זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש מיט וואס מיר גייען ארויס פון חנוכה, און וואס מיר ווילן מיטנעמען אי"ה פון די ליכטיגקייט פון חנוכה, אויף די קומענדיגע חדשים.

**מען** האט היינט געליינט אין די תורה, די פרשה פון די מנורה, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה, כאשר צוה ה' את משה (במדבר ח-ב). דער פשוט'ער טייטש איז, אז בשעת מען האט געצינדן די מנורה איז געווען געבויגן אלע זעקס נרות, די דריי פון די זייט, און די דריי פון די אנדערע זייט, צו די מיטלעסטע נר וואס איז געווען די מנורה. די מיטעלסטע ווערט אנגערופן מנורה, און די איבעריגע ווערן אנגערופן די קני המנורה, און די אלע קני המנורה זענען געווען געבויגן צו די מנורה. די פשט דערפון איז, געוועגליך ווען מען צינדט חנוכה לעכט, לייגט מען די קנויט אינמיטן פונעם נר, אבער ביי די מנורה איז נישט אזוי געווען. די קנויטן זענען נישט געווען אינדערמיט, נאר די ערשטע דריי זענען געווען געבויגן, אוועק געריקט ביים עק, צו די מיטלסטע פון די מנורה. און די אנדערע דריי, זענען געווען געבויגן פון די אנדערע זייט, אז זיי זאלן זיין נאנט צו די פני המנורה.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין. עס שטייט אין **בני יששכר** (כסלו ב-ח), אז אין חנוכה ווערט נתגלה דער אור הגנוז. עס איז דא א באהאלטענער אור, און עס ווערט נתגלה אין חנוכה. און יעדער איד קען אין חנוכה צוקומען צו אביסל פון די באהאלטענע ליכטיגקייט וואס איז דא, און ער קען זוכה זיין נהנה צו זיין דערפון. וואס מיינט דאס, אז עס איז דא אן אור הגנוז, און וואס מיינט אז מען קען זוכה זיין נהנה צו זיין פון דעם אור הגנוז. אוודאי ליגן דערין העכערע ענינים, אבער מיר ווען דאס מסביר זיין, וויפיל מיר פשוטע מענטשן פארשטייען.

**עס** שטייט אין די גמרא (חגיגה יב.), אז בשעת דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז געווען זייער א גרויסע ליכטיגקייט אויף די וועלט, עס איז געווען אן אור, א ליכטיגקייט, וואס א מענטש האט געקענט דערמיט זעהן מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און דער אויבערשטער האט געזעהן, אז עס איז נישט כדאי אז די רשעים זאלן נהנה זיין פון אזא ליכטיגקייט, האט דער אייבערשטער צוגענומען די ליכטיגקייט פון די וועלט, און ער האט עס גונז געווען אויף לעתיד לבוא, אזוי איז די פשוטע פשט. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער אייבערשטער האט גענומען די ליכטיגקייט, און ער האט עס גונז געווען אין די תורה הקדושה, און ווען א יוד לערנט תורה, קען ער זוכה זיין צו דעם געוויסע אור וואס איז היינט נישט דא, און עס איז באהאלטן געווארן אין די תורה, דעמאלטס בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט.

**די** משנה זאגט (אבות ו-א) ווען איינער לערנט תורה לשמה, זוכה לדברים הרבה, איז ער זוכה צו אסאך זאכן. כל העולם כולו כדאי הוא לו, די גאנצע וועלט איז כדאי פאר אים. מגלין לו רזי תורה, מען איז אים מגלה סודות פון די תורה. נהנין ממנו עצה ותושיה, מען קען נהנה זיין פון אים אן עצה ותושיה, ונעשה כמעין המתגבר. ער רעכנט אויס געוואלדיגע מעלות, אויף דעם וואס לערנט תורה לשמה. און דאס איז נישט געזאגט געווארן פאר אמאליגע דורות, עס איז געזאגט געווארן פאר יעדע צייט, פאר יעדן פון אונז, יעדער בחור וואס

זיצט און לערנט תורה, און ער איז זוכה שפעטער צוצוקומען צו לערנען תורה לשמה, קען ער זוכה זיין צו די מדריגה וואס עס שטייט דא, ער קען זוכה זיין אז מען זאל אים מגלה זיין זאכן וואס אנדערע מענטשען ווייסן נישט. נהנין ממנו עצה ותושיה, ער קען געבן אן עצה און א וועג וויאזוי זיך צו פירן, אפילו אויף זאכן וואס געהערט נישט פאר אים. מען איז געגאנגען צו צדיקים, און זיי האבן געגעבן עצות אין ביזנעס, און אין זאכן וואס איז גארנישט נוגע פאר זיי, און זיי האבן מכוון געווען, זיי האבן געהאט סייעתא דשמיא, און מען האט נהנה געווען פון זיי אן עצה ותושיה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדער קען געבן אן עצה, אבער נישט יעדע עצה וואס מען באקומט פון יענעם, האט מען הנאה פון די עצה. אז עס געלונגט האט מען הנאה, אבער אז עס געלונגט נישט, האט מען נישט קיין הנאה פון די עצה. אבער אז מען נעמט אן עצה פון א חכם, איז מען 'נהנה ממנו' עצה ותושיה, די עצה וואס זיי געבן איז אן אויסגעהאלטענע עצה, און מען איז נהנה דערפון.

**עס** שטייט אין **רמב"ן** (בהקדמתו על התורה) אז עס איז דא שבע חכמות, די חכמה אין דער וועלט איז איינגעטיילט אין זיבן ערליי חכמות, און אלע חכמי ישראל האבן געקענט אלע חכמות וואס איז דא אויף דער וועלט. חכמי ישראל זענען געזעסן און געלערנט תורה פון צופרי ביז ביינאכט, און מען קוקט אין גמרא, זעהט מען אז זיי האבן פארשטאנען אלע טבעיות'דיגע זאכן, און אלע דאקטעריי זאכן, די זון און די לבנה, און אסטרונומיא וואס מען דארף זיך פלאגן דערויף אז מען זאל עס פארשטיין, אלעס האבן זיי געקענט. פון ווי האבן זיי דאס געגומען. זאגט דער הייליגער **רמב"ן** זיי האבן עס נישט גענומען פון ערגעץ, נאר פון די תורה הקדושה. שלמה המלך האט געקענט אלע חכמות פון דער וועלט, ויחכם מכל האדם (מלכים א ה-יא), ער איז נישט געגאנגען און יוניבערסיטי, ער האט נישט געליינט ביכער, אז ער זאל פארשטיין אלע חכמות פון די וועלט. נאר אין די תורה הק' ליגט די ליכטיגקייט פון די גאנצע וועלט, און אז מען לערנט תורה הק' קען מען זוכה זיין צו פארשטיין אלע חכמות וואס איז דא אויף דער וועלט.

**ווען** א איד לערנט תורה לשמה, ער לערנט תורה ערליך, שיינט ביי אים ארויס די ליכטיגקייט וואס דער אייבערשטער האט באהאלטן אין די תורה, וואס די ליכטיגקייט איז געווען, אז מען האט געקענט זען מסוף העולם ועד סופו. און אזוי האבן די צדיקים אמאל אויסגעקוקט, אז זיי האבן געקענט זעהן, פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און זיי האבן אלעס משיג געווען נישט מיט קיין חכמות, נאר דורך די תורה הק' וואס זיי האבען געלערנט, דאס האט זיי באלאכטן די אויגן. און דאס איז דער אור הגנוז, דער אור וואס איז באהאלטן אין די תורה הקדושה.

**איך** האב היינט צופרי פארן דאווענען ארויסגענומען דעם ספר **בית הלחמי** פון מיין פעטער דער **קאטומנ'ער רב** זצ"ל, און עס איז מיר אויסגעקומען צו קוקן אין פרשת פקודי, ברענגט ער דארט צו צוויי מעשיות, איך מיין אזביידע מעשיות זענען כדאי איך זאל עס איבערזאגן. איינס ברענגט ער צו, אז **רבי חיים מאנטוניא**, דער **אנטוניא רבי**, פון די וויזניצע גזע, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, און א גרויסער צדיק. און דער **גאניטשער רב**, **רבי יהודה יואל דייטש זצ"ל**, איז אמאל געקומען צו אים אויף א שבת. נאך שבת האט מען געשמועסט אין לערנען, ביידע זענען געווען גרויס אין תורה, האט מען געשמועסט אין לערנען, און מען האט פארענטפערט געוויסע קשיות וואס יעדער האט געהאט. סוף פונעם שמועס זאגט דער **גאניטשער רב**, פאר **רבי חיים מאנטוניא**, אז עס איז דא איין קשיא וואס איז נאכנישט פארענטפערט געווארן. איך בין דא געווען אויף שבת, און איך האב געזעהן ווי אזוי דער עולם איז אריינגעקומען צום רבי'ן, און מען האט געפרעגט עצות, און עס איז געקומען א איד און געזאגט, אז דער דאקטאר האט געהייסן אז מען זאל אפערירן דאס ווייב, צו זיין קינד, צו אים, און דער רבי האט געהייסן אז מען זאל נישט אפערירן. יא אפערירן אדער נישט אפערירן איז פיקוח נפש ממש, ווי קען א מענטש נעמען אויף זיך אן אחריות, פון איין מינוט אויפן אנדערן, אפצו'פסק'נן אין פיקוח נפש, און זאגן צו מען זאל יא אפערירן צו נישט. אזוי האט ער אים געפרעגט, און אויף די קשיא האב איך נישט קיין תירוץ.

**האט** זיך **רבי חיים** אויפגעשטעלט, און ארויסגענומען א **זוהר הקדוש**, און ער האט אים געוויזן, אז עס שטייט אין **זוהר הק'**, אז די ערשטע מחשבה וואס צדיקים, תלמידי חכמים וואס זענען דבוק אין די תורה הק' האבן, איז א מעין פון רוח הקודש. האט **רבי חיים** געזאגט אויף זיך, מיר ברענגען נישט אן די צייט, מיר זיצן און לערנען א גאנצן טאג, און ווען א איד פרעגט מיר א שאלה, אן עצה וואס ער זאל טון, וואס עס איז געווען מיין ערשטע מחשבה, וואס מען דארף צו טון, פארשטיי איך, אז דאס איז א ניצוץ פון רוח הקודש, און אזוי דארף מען טון. און אזוי ווי איך האב פארשטאנען דעמאלטס בשעת ער האט מיך געפרעגט, אז מען דארף נישט מאכן די אפעראציע, האב איך גענומען אויף מיר די אחריות, אז מען דארף נישט מאכן די אפעראציע.

**נאך** ברענגט ער צו, אז ער האט געהערט פון זיין פאטער, מיין זיידע, דער **מאקעוור דיין**. אז דער **דעעש'ער רב**, דער **מעגלי צדק**, האט געהאט א גבאי וואס האט געהייסן יוסף משה, און רבי יוסף משה, דער גבאי פונעם **מעגלי צדק** האט דערציילט פאר מיין זיידן, אז ער איז אמאל געפארן מיט זיין רבי'ן, דער **דעעש'ער רב** אונטערוועגנס, און אינמיטן פארן מיטן צוג, רופט זיך אן דער **דעעש'ער רבי** צום גבאי ר' יוסף משה, עס קומט זיך דיר א מזל טוב, דיין ווייב האט יעצט געבוירן א אינגל. עס איז אים געווען זייער אויפפאלענד, מען איז אויפן וועג, קיינער האט אים נישט פארציילט, ווי קומט עס צום **מעגלי צדק**. ער איז געווען זיין גבאי און ער האט געקענט דעם רבי'ן, דאך איז אים געווען אויפפאלענד, אז ער זאל אים זאגן, אז ער האט געהאט א קינד.

**זאגט** ער אים, וויאזוי ווייסט דער רבי אז עס איז מיר געבוירן א קינד. האט ער אים געזאגט, דו ווייסט אז איך טראכט נישט פון קיין נארישקייטן, און מיין קאפ איז דבוק אין תורה די גאנצע צייט. עס איז מיר יעצט איינגעפאלן במחשבה, אז דיין ווייב האט געהאט א קינד, עס קען נישט זיין אז אזא מחשבה זאל מיר אריינקומען אין קאפ, אויב עס איז נישט אמת. מען האט עס מיר מגלה געווען, כדאי איך זאל דיר קענען מבשר זיין די בשורה, און איך זאל דיר קענען זאגן מזל טוב.

**פון** ווי נעמט זיך אזא כח, אז א מענטש זאל קענען זאגן, יא אפערירן נישט אפערירן. צו פארציילן א בשורה אפילו מען האט דאס נישט געזעהן, דאס קומט פון קדושת התורה. אז מען זיצט און מען לערנט תורה, מען לערנט תורה ערליך, תורה לשמה, זוכין לדברים הרבה, איז מען זוכה צו אסאך זאכן. יעדער פון אונז, אז ער וועט אויסוואקסן א תלמיד חכם, און ער וועט זוכה זיין צו לערנען תורה לשמה, קען ער צוקומען דערצו, אז עס איז מגלין לו רזי תורה, מען וועט אים מגלה זיין סודות פון די תורה, ונהנין ממנו עצה ותושיה, ונעשה כמעין המתגבר, און נאך א גאנצע ליסטע וואס איז דארט אויסגערעכנט, וואס מען קען ווערן, ווען מען איז זוכה צו תורה לשמה.

**און** דאס נעמט זיך פונעם אור הגנוז, פון די ליכטיגקייט וואס דער אויבערשטער האט אמאל באשאפן אויף דער וועלט, וואס א מענטש האט געקענט זעהן מיט די ליכטיגקייט מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און אפילו היינט איז עס נגנז, עס איז נישט דא, איז עס אבער דא אין די תורה. ווען א איד לערנט תורה ערליך, האט ער א כח נהנה צו זיין פון דעם אור הגנוז.

**און** דאס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אור הגנוז ווערט נתגלה ווען עס קומט חנוכה. פארוואס, ווייל ווען אהרן הכהן האט אנגעצינדן די מנורה אין בית המקדש, איז עס נישט געווען בפשטות, אז מען האט אנגעצינדן זיבן לעמפלעך אין בית המקדש, אז עס זאל שיינען ליכטיגקייט. נאר די מנורה האט געהאט זיבען קני המנורה, די זיבן קני המנורה דאס איז די שבע חכמות, וואס איז דא אין דער וועלט. און דער אייבערשטער האט גענומען פון די ליכטיגקייט פון די חכמה וואס איז דא אויף דער וועלט, און ער האט עס גונז געווען, ער האט עס באהאלטן. אבער ווען דער כהן האט אנגעצינדן די שבעה נרות אין בית המקדש, האט ער אראפגעברענגט דעם כח, אז מען זאל קענען נהנה זיין פון דעם אור הגנוז, פון די באהאלטענע ליכטיגקייט וואס איז דא דעמאלטס. און פון דעם נס, איז געווארן שפעטער די ימי חנוכה, איז ממילא אויך דא א כח אין די ימי חנוכה,

אז א איד זאל קענען זוכה זיין צו דעם אור וואס איז באהאלטן געווארן אין די מנורה.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אהרן הכהן, 'בהעלותך את הנרות', ווען דו וועסט אנצינדן די נרות, צינדט נישט סתם אן די נרות אין בית המקדש, נאר 'אל מול פני המנורה', עס איז דא א זאך וואס איז מכוון אקעגן די פני מנורה, די זיבן נרות זענען מכוון אקעגן די שבעה חכמות, און ווען דו וועסט אנצינדן די נרות, טוה אנצינדן דעם אור וואס דער אייבערשטער האט אמאל באהאלטן, און היינט קען מען נישט נהנה זיין, אז בשעת א איד וועט לערנען תורה הק', זאל ער קענען זוכה זיין צו די ליכטיגקייט וואס ליגט אין די תורה.

**'ויעש** כן אהרן', אהרן האט אזוי געטון, 'אל מול פני המנורה העלה נרותיה', ער האט אנגעצונדן די מנורה אל מול פני המנורה, אקעגן דעם וואס איז מכוון אקעגן די מנורה, 'כאשר צוה ה' את משה' אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז מצוה געווען די תורה, וואס אין די תורה ליגט די חכמה פון דעם אור הגנוז. האט דאס אהרן אנגעצונדן, אז א מענטש זאל קענען זוכה זיין צו דעם אור.

**אז** דאס ליגט אין די מנורה, און דער אייבערשטער האט אונז געמאכט נסים אין די טעג, ליגט אין דעם חלק פון די מנורה א כח אין די טעג, אז מענטש זאל קענען זוכה זיין נהנה צו זיין פונעם אור הגנוז. אז א איד איז מקבל אויף זיך אין די טעג עול התורה, אויסצונוצן די צייט, די שעה'ן וואס איז נאך געבליבן פון חנוכה, טוט ער אויסנוצן פאר תורה הק', קען אים ליכטיג ווערן, ער באקומט א באהאלטענעם אור, וואס וועט אנהייבן צו שיינען אין אים.

**יעדער איד האט אין זיך אן אור הגנוז, יעדער האט א באהאלטענע ליכטיגקייט, וואס אסאך מאל איז עס אזוי באהאלטן, אז ער אליין ווייסט נישט דערפון, אבער יעדער איד האט אין זיך א נשמה, א חלק אלו-ה ממעל, אינעווייניג אין הארץ האט ער א השתוקקות צום רבונו של עולם. עס איז נאר אסאך מאל ארום גענומען מיט גשמיות, און מען געבט עס נישט קיין געלעגנהייט, אז ער זאל דאס קענען אויפלאמען, אבער אין יעדן איד איז באהאלטן אן אור, און חנוכה ווערט נתגלה ביי יעדן איד זיין אור הגנוז, זיין באהאלטענע ליכטיגקייט וואס ליגט אין דיר, צו קענען אנהייבן צו שיינען.**

**און** ווי דער פשוטער פשט איז, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, עס שטייט אין הייליגן **חתם סופר** (**תורת משה** פ' בהעלותך), די מיטלס'דיגע פון די מנורה, דאס איז דער רבי וואס לערנט תורה. די קני המנורה, דאס איז די תלמידים וואס קומען ארויס פון די מנורה. און די תלמידים דארפן זיין געבויגן אל מול פני המנורה, וועלן מקבל זיין, וועלן לערנען, דעמאלטס שיינט די ליכטיגקייט פון די תורה הק'.

**יעדע** איד לערנט תורה, עס פעלט אבער אסאך מאל די ביטול, די התבטלות פון א תלמיד צו זיין רבי'ן, זיך מבטל צו זיין אינגאנצן, אויסהערן יעדעס ווארט וואס מען זאגט, און אפילו איך האב עס שוין געהערט איינמאל, וועל איך עס הערן נאכמאל, צו פארשטיין טיפער וואס מען האט געלערנט.

**די** גמרא (עירובין יג:) זאגט אויף רבינו הקדוש, אז ער האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז מחודד מער ווי זיינע חברים, ווייל ער האט געזעהן זיין רבי'ן מאחוריה, די אנדערע חברים האבן אינגאנצן נישט געזעהן דעם רבי'ן ווען ער האט פארגעלערנט, זעהט אויס אז עס איז געווען א גרויס בית המדרש, און מען האט נישט געקענט זעהן. רבינו הק' איז געזעסן אונטער זיין רבי'ן, און ער האט אים געזעהן פון די רוקן. האט ער געזאגט ווען איך וואלט געהאט די זכיה, אז איך זאל זיין אקעגן דעם פנים פון מיין רבי'ן, און איך וואלט אים געקענט זעהן בשעת איך לערן, וואלט איך געווען מער מחודד, און איך וואלט געווען נאך גרעסער פון וויפיל איך בין צוגעקומען. והיו עיניך רואות את מוריך, די אויגן פון א תלמיד דארפן זיין צוגעבויגן צו זיין רבי'ן, און וועלן מקבל זיין. ווען די קני המנורה זענען געבויגן אל מול פני המנורה, צו די מיטלסטע חלק פון די מנורה, דעמאלטס לייכטן די קני המנורה.

**רבינו** הק' האט געזאגט, ער האט געזעהן דעם רבי'ן מאחוריה, ווען ער וואלט געזעהן דעם פנים

וואלט ער געווען מער מחודד. **אמאל איז דא וואס בשעת מען געפינט זיך אין ישיבה, מען זיצט און מען לערנט צוזאמען מיט'ן רבי'ן, און מען האט די מעגליכקייט מקבל צו זיין, ניצט מען עס נישט אויס, און מען ווייסט דאס נישט צו שעצן. מען איז נאך יונג, מען ווייסט נישט צו שעצן וויאזוי מען קען מקבל זיין תורה. שפעטער ווען מען גייט שוין ארויס פון ישיבה, און מען הייבט אן צוריקצוקוקן אויף די יארן וואס מען האט געהאט, הייבט מען זיך אן צו בענקען. איך געדענק אז מיין רבי האט אזוי און אזוי געטון, מיין רבי האט אזוי און אזוי געזאגט. איך זאג עס פון עקספיריענס פון מיר, איך קוק אויף צוריק אויף מיינע רבי'ס פון וועם איך האב געלערנט, עס איז דא זאכן וואס בשעת מעשה האט מען עס נישט אויפגעפאסט, מען איז געווען יונג, און מען האט נישט געטראכט דערפון, אבער שפעטער הייבט מען אן צוריק צו טראכטן, און מען לערנט זיך זייער אסאך אראפ, פון דעם וואס מען האט געזעהן אמאל אין די יונגע יארן.**

**רבינו** הק' האט מתאונן געווען, אז ער האט נאר געזעהן זיין רבי'ן מאחוריה, פון נאכדעם, ווען ער איז שוין אוועק געגאנגען פון די ישיבה, ווען ער איז שוין אוועק געגאנגען פון זיין רבי'ן, דעמאלטס האט ער נאכגעקוקט די וועגן פון זיין רבי'ן. עס איז אויך א גרויסע מדריגה, עס איז דא אזעלכע וואס גייען ארויס פון ישיבה, און זיי פארגעסן אינגאנצן פון וואס עס איז געווען דארט. איך בין מחודד טפי, ווייל איך געדענק נאך מיין רבי'ן מאחוריה, אבער ווען איך וואלט זוכה געווען נישט מאחוריה, אז איך זאל אים זעהן שפעטער, נאר איך וואלט אים געזען בשעת מעשה, וואלט איך געווען מחודד טפי. - יעצט בשעת מען האט די געלעגנהייט, מען זיצט אין ישיבה, און מען לערנט תורה, דארף מען זעהן אויסצונוצן די טעג, כדי נתעלה צו ווערן.

**יגעת** ומצאת תאמין, ווען א מענטש פלאגט זיך, וועט ער זוכה זיין צו כתרה של תורה. דער הייליגער **חתם סופר** (פ' בהעלותך) זאגט, 'וזה מעשה המנורה', אויסצוואקסן א מנורה, אויסצוואקסן א תלמיד חכם, 'מקשה', איז שווער. עס איז זייער שווער אויסצוואקסן א תלמיד חכם, מען דארף זיך אסאך פלאגן אויף תורה. 'כמראה אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה' (במדבר ח-ד), אזוי ווי ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו געבן די תורה פאר משה רבינו, איז משה רבינו ארויפגעגאנגען אין הימל, און ער האט נישט געגעסן און נישט געטרינקן פערציג טאג, אזוי דארף מען טון די מנורה, אזוי דארף מען מקבל זיין די תורה. א מנורה קומט נישט פון זיך אליין, מען דארף זיך פלאגן אויף תורה. כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ובמים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד).

**ווי גליקליך איז א מענטש וואס פלאגט זיך אויף תורה, אמת מען קען נישט אזויפיל עסן, און נאכגיין תענוגים, מען ווייסט נישט אלע נייעס, מען קען נישט שלאפן אזוי ווי א צווייטער, ער געבט אוועק אלע זיינע צייטן פאר תורה, עס איז יעצט שווער, ראשיתך איז מצער, אבער אחריתך איז ישגה מאוד** (איוב ח-ז)**, שפעטער וואקסט מען אויס, און מען איז נהנה פון דעם וואס מען האט זיך געפלאגט פריער. עס איז כמראה אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה.**

**יגעת** ומצאת תאמין (מגילה ו:), ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, וועט ער אנקומען. אפילו ער זעט נישט די פירות תיכף, וועט ער אבער זעהן די פירות שפעטער. עס שטייט אין **ישמח משה**, יגעת ומצאת, מצאת איז א מציאה, א מציאה איז טייטש א זאך וואס א מענטש טרעפט אומגעפלאגט. ער גייט אין די גאס, און ער טרעפט א מציאה, אבער אז מען פלאגט זיך, איז עס נישט קיין מציאה. זאגט דער הייליגער **ישמח משה**, א מענטש קען זיך אסאך מאל פלאגן אויף קדושה און אויף תורה, און ער זעט נישט אז ער זאל מצליח זיין. ער פלאגט זיך אויף א בלאט גמרא, און עס איז נישט געגאנגען, ער קען עס נישט. אבער שפעטער, די אנדערע וואך, לערנט ער א בלאט גמרא, און עס גייט אים אזוי גרינג, און ער איז מכוון תיכף, און ער טרעפט צו די מהרש"א'ס קשיא, מיט די פני יהושע, מיט די קצות, און אלעס לייכט ביי אים. עס איז נישט געקומען פון זיך אליין, עס איז געקומען ווייל דו

האסט דיך געפלאגט פריער אויף תורה. 'יגעת', אז א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, 'ומצאת', שפעטער טרעפט ער א מציאה. נישט אייביג ווערסטו קענען מצליח זיין אויף דעם וואס דו האסט זיך געפלאגט. **א מענטש טוט עפעס פאר כבוד שמים, ער טוט עס מיט ערליכקייט, אפילו ער איז נישט מצליח, ער פאלט אדורך אין דעם וואס ער האט געטון, אבער עס איז נישט פארלוירן, יגעת, אז דו פלאגסט דיך, ומצאת, ווערסטו עס טרעפן שפעטער בדרך מציאה.**

**א** מוסר השכל צו דעם איז חנוכה. די יונים האבן געוואלט להשכיחם תורתיך ולהעבירם מחוקי רצונך, אז יודען זאלן פארגעסן די תורה, און מען האט זיך געפלאגט, די חשמונאים זענען ארויסגעגאנגען אין א מלחמה, און מען האט געזיגט די מלחמה. פארוואס האט מען געדארפט זיגן די מלחמה, כדי מען זאל נישט קענען משכיח זיין פון אונז די תורה. מען האט געהאט די תורה, און מען האט עס געוואלט צונעמען פון אונז, מען האט געזיגט, און מיר האבן די זעלבע תורה ווייטער, און מיר קענען לערנען. חנוכה האט געוויזן, אז נישט נאר מיר האבן די תורה וואס מען האט אונז געוואלט משכיח זיין, נאר עס איז צוגעקומען א גאנצע מצוה פון חנוכה. עס איז צוגעקומען גאנצע שענק מיט ספרים, עס איז צוגעקומען א וועלט פון תורה אויף דעם ענין פון חנוכה, אלע קשיות וואס איז דא אויף דעם נס פון חנוכה, מיט די תירוצים, מיט די ענינים. פון אינגאנצן צוויי בלאט גמרא וואס רעדט פון חנוכה, איז צוגעקומען א ים מיט תורה. זיי האבן געוואלט להשכיחם תורתיך, מען זאל פארגעסן תורה, און מען האט זיך געפלאגט דערויף, מען האט געפירט א מלחמה כדי מען זאל נישט פארגעסן די תורה, נישט נאר מיר האבן פארדינט אז עס איז געבליבן ביי אונז די תורה, נאר מיר האבן פארדינט פונעם נס, אז עס איז צוגעקומען דערצו א גאנצע חלק פון תורה וואס האט געפעלט פאר דעם. ווייל אזוי פירט זיך דער אויבערשטער, ווען א מענטש פלאגט זיך אויף עפעס, 'יגעת' האסט דיך געפלאגט, 'ומצאת', ווערסטו טרעפן שפעטער א מציאה. עס קומט צו אסאך און אסאך מער, פון וויפיל מען האט זיך געפלאגט.

**און דאס איז דער לימוד מוסר השכל פון חנוכה, ווען מיר גייען אריין אין די שיינע ווינטער טעג, מיט די לאנגע לילי טבת ארוכים, לאנגע נעכט פון טבת, וואס מען קען עוסק זיין בתורה. נישט האלטן דאס פאר גרינג, נאר זיך פרייען ווילאנג מען איז נישט מאחוריה, שפעטער ווען מען איז שוין ארויס פון ישיבה, זאל מען זיך בענקען אויף וואס מען האט געקענט טוען אין די יונגע יארן. יעצט דארף מען אויסנוצן יעדן טאג, זיך מקדיש זיין פאר תורה פון צופרי ביז ביינאכט, זיך אוועק געבן, נישט זיין אינטערעסירט וואס טוט זיך אויף דער וועלט, נישט זיין אינטערעסירט אין תענוגי עולם הזה, נעמטס ענק אראפ אפאר יאר, און געבטס עס אוועק פאר תורה, עס איז נישט קיין סך, וועט מען שפעטער האבן א לעבטיג לעבן, עס איז אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. די יגיעה וואס א מענטש פלאגט זיך, גייט נישט לריק, עס גייט נישט אומזיסט. יעדער וועט אנקומען, און יעדער וועט טרעפן א מציאה. און אז מען איז זוכה, קומט מען צו וואס די גמרא זאגט, אז ווען מען לערנט תורה לשמה, איז מען זוכה לדברים הרבה, מיר זענען זייער ווייט פון תורה לשמה, אבער על כל פנים אין היינטיגע דורות, רעכנט מען תורה לשמה אנדערש ווי מען האט אמאל גערעכנט. און אפילו א קליינינקייט אפילו נאר פופציג פראצענט תורה לשמה, האט ער אויך גענוג, אז ער זאל קענען זוכה זיין צו די דברים הרבה, און צו אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די משנה.**

**זאל** דער אויבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען מדבק זיין אין די תורה הק'. נר מצוה ותורה אור, די תורה איז א ליכטיגקייט, תורה איז אונזער לעבן, כי הם חיינו ואורך ימינו. נישט מזלזל זיין אין די טעג וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, נאר אויסנוצן יעדע מינוט פאר תורה. **גיין ליידיג, דארף זיין אסור ביי א מענטש אזוי ווי עבודה זרה. עס איז נישט דא אזא זאך מען גייט ליידיג, מען זיצט ליידיג, עפעס דארף מען טוען. מען דארף עוסק זיין אין תורה שטענדיג. ווען מען קען נישט לערנען קיין שווערע זאכן, לערנט מען גרינגע זאכן. נישט דא קיין צייט וואס מען האט צו שמועסן, און זיך ארומצודרייען אויף די גאסן.** אמאל דארף מען רעדן איינער מיטן צווייטן, 'מיעוט שיחה' איז א

חלק פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם, עס שטייט אין **מדרש שמואל**, אז די משנה זאגט נישט אז מען זאל גארנישט רעדן, נאר מיעוט שיחה. ווייל א מענשט דארף אמאל רעדן, מען דארף האבן חברותא, מען דארף זיין א מענטש מיט אלעם, אבער עס זאל זיין מיעוט שיחה, אויסנוצן די צייט פאר תורה, וועט דער אויבערשטער געבן מען וועט האבן הצלחה אין תורה, און אויסוואקסן תלמידי חכמים ויראי ה'.

**עס** איז זאת חנוכה, עס איז די גמר חתימה, אזוי ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, זאלן מיר אלע גע'חתמ'ט ווערן, פאר א פרייליכן און א ליסטיגן און א געזונט יאר, מיט אלעס וואס מען דארף האבן דערצו. מיר זאלן זיך קענען מקדיש זיין פאר תורה און עבודת ה', וועלן מיר בקרוב זוכה זיין צו זעהן, ווי אזוי דער כהן וועט אנצונדן די נרות אין בית המקדש, ערכתי נר למשיחי, מיט דעם וואס מיר טוען צוגרייטן די נרות חנוכה, טוט מען צוגרייטן פאר משיח, אז מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הצהרים שרף **רבינו שליט"א** הפתילות של חנוכה במדורה כמבואר בשו"ע.

*

***יום חמישי פרשת ויגש***

בשעות הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א** לביקור בבית **רבינו שליט"א** לרגל שמחת נישואי בנו נ"ו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה***

**האדמו"ר מספינקא:** עס האט זיך אזוי געפירט אז עס איז ביי מיר די ערשטע חתונה אין ארץ ישראל. איך האב עטליכע שידוכים פון ארץ ישראל, אלע זענען ב"ה געווען דא, אבער די חתונה האט זיך אזוי געפירט אז עס וועט זיין דארט.

מיין שידוך איז אויך פון ארץ ישראל (**האדמו"ר מספינקא** הוא חתנו של **הגה"צ רבי אהרן מרדכי רוטנער שליט"א** מירושלים עיה"ק). די חתונה איז געווען דאהי, און איך האב געוואוינט דאהי, מיין טאטע (**האדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**) האט נישט געוואלט ארץ ישראל.

**רבינו:** דער טאטע איז קיינמאל נישט געפארן?

**האדמו"ר מספינקא:** ניין.

איך האב נישט געוויסט דערפון בחייו, נאר יעצט האב איך געהערט, אז מיין שווער האט געהאלטן אין איין מוטשען מיין טאטן, אז ער זאל קומען צום **בעלזער רב**. מיין שווער מיטן טאטן זענען זייער גוט געווען, נאך פון נאך די מלחמה אין דייטשלאנד. מיין טאטע האט שוין געהאט חתונה געהאט, און מיין שווער איז איינגעשטאנען ביי מיין טאטע און געגעסן דארט שבתים און אין די וואכן.

**רבינו:** ווי איז דאס געווען.

**האדמו"ר מספינקא:** אין פערענוואלד, פעלדאפונג. זיי האבען געהאלטן קשר די אלע יארן, און ער האט אלץ געבעטן מיין טאטע, אז ער זאל קומען צום רב. אין חודש תמוז תשי"ז האט מיין טאטע געגעבן א דעפאזיט פארן טיקעט, און ער האט גערעכנט צו פארן פון סליחות ביז נאך סוכות. אין בעלזא דאהי איז דא רבי דוד מאיר גרינוואלד, זיי האבען עס אנגעפירט, זיי האבען געטראפן א צעטל ווי מיין טאטע האט אויפגעשריבן אז ער האט געגעבן א דעפאזיט הונדערט דאלער צו פארן אויף די הייליגע טעג, און וויפיל ער איז נאך שולדיג, ולא איסתייעא מילתא. דער רב איז אוועק כ"א אב תשי"ז[א].

דער **חקל יצחק** איז אויך געווען זייער שטארק קעגן פארן קיין ארץ ישראל. עס איז דא א בריוו צו א יוד רבי מאיר משה שפיצער, ער איז געווען אין א חבריא אין די ישיבה ווי ער האט געלערנט, און זיי האבען געהאט שייכות קיין ספינקא, און ער האט געשריבן א בריוו צום **חקל יצחק**, אז זיי ווילן

---

[א] סיפר **כ"ק האדמו"ר מראדוויל זצ"ל** (**חתן הרה"ק רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**), שפעם שאל **הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל** את חותנו זצ"ל מדוע אינו בא לארץ ישראל, כי ישנם ערליכע יודען שרוצים לראות אותו. ואמר לו חותני זצ"ל כל זמן **שהרה"ק מבעלזא זי"ע** היה חי, הייתי משתוקק לנסוע לארץ ישראל להסתופף בצלו, ואף יותר מכך, שכבר התכוננתי לנסוע לקראת ראש השנה של שנת תשי"ח, והיה בידי כרטיס טיסה מראש השנה ועד אחר חג הסוכות, אך כיון שהוסרה העטרה ונסתלק לגנזי מרומים, כבר אחכה לכשיבוא משיח צדקנו, ואז אעלה לארץ ישראל ... (קובץ אור הצפון – קובץ ל"ו).

פארען לערנען קיין ארץ ישראל. שרייבט ער זיי צוריק א בריוו, אז זיי זאלן בלייבן לערנען ווי זיי לערנען, און זיי קענען זיך דא אויך משלים זיין אין תורה. ער שרייבט דארט, אז זיי זאלן נישט גיין וועגן די אגודה, עס איז זייער א שארפע בריוו.

עס איז געווען אמאל וואס איינע פון דעם **חקל יצחק'ס** אייניקלעך האבען געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, און מען האט נישט פארציילט פארן זיידען, פארן **חקל יצחק**. ער פלעגט זיך אלץ דרייען אין אלע צימערן אינדרויסן, ער האט נישט גערעדט, אבער ער פלעגט זיך דארט דרייען. און ער האט עפעס מרגיש געווען, אז מען האט אים גארנישט געזאגט. און אפאר טעג איז דער **חקל יצחק** געווען צוקאכט, מען האט נישט געקענט רעדן צו אים, ער האט געשפירט אז איינער וויל פארן קיין ארץ ישראל. ער איז געווען זייער אנגעצויגין, אז ווען א אייניקל איז אריינגעקומען, האט ער געפרעגט, וואס טוט זיך אינדרויסן, מען זאגט מיך נישט, עפעס גייט דארט פאר, צום סוף איז זי נישט געפארן, נאר שפעטער איז זי געפארן.

דער טאטע פלעגט צו פארציילן פונעם **חקל יצחק**, אז אונזער מומע, **רבי יענק'לע ספינקער'ס** רעבעצין, (אשת **האדמו"ר רבי יעקב יוסף מספינקא זצ"ל, בת הגה"צ רבי אברהם אביש הורוויץ זצ"ל** מקראלי) נאך דעם וואס דעם **חקל יצחק'ס** רעבעצין איז אוועק, איז זי, אלץ מיידעל, אריבער פירן די ווירטשאפט ביים **חקל יצחק** אין שטוב. זי האט געקאכט, און זי האט געברענגט דעם טאטע'ן צום **חקל יצחק**. דער טאטע איז געווען די לעצטע פינף זעקס יאר ביים **חקל יצחק**.

**רבינו:** וואס מיינט זי האט געברענגט.

**האדמו"ר מספינקא:** זי האט געמאכט אז ער זאל קענען קומען. זי איז געווען דארט אין שטוב, און זי האט געזען אז מיין טאטע זאל קענען קומען. פון אלע אייניקלעך האט זי געפילט אז מיין טאטע וועט קענען דא זיך טרעפן דאס פלאץ. און ער האט געוואוינט ביים **חקל יצחק**, די לעצטע פינף זעקס יאר. ביי די קריג איז ער געגאנגען מיטן **חקל יצחק** צוזאמען. זיין טאטע איז געגאנגען אויף א אנדערע וועג, פון קראלי.

**רבינו:** ער האט איבערגעלאזט דעם פאטער'ס שטוב, און ער האט געוואוינט ביים זיידען אין סעליש.

**האדמו"ר מספינקא:** יעדער וואס איז געשלאפן אין שטוב, האט געדארפט יעדע נאכט קומען זאגען א גוטע נאכט. איין נאכט איז געווען וואס לויטן זייגער איז זי נישט געקומען, איז ער געגאנגען צום צימער קלאפן אויפן טיר, פערל ביזט שוין דא? און זי האט נישט געענטפערט, ווען ער איז צוריקגעגאנגען, איז זי אריינגעגאנגען אין שטוב, האט ער איר געפרעגט, עס איז שוין נאכען זייגער, ווי ביזטו געווען? האט זי געזאגט, ביי א שכן. האט ער איר געזאגט, האסט מיר געדארפט קומען זאגען אז דו ביזט ביים שכן. אינדערהיים איז געווען א קליין דערפל, האט מען אכט געגעבן.

ער פלעגט איר פרעגן, דו האסט שוין צוגעגרייט די מנורת המאור צו ליינען אין בעט.

**רבינו:** אמאל האבען יודענעס נישט געהאט א סאך, נאר א **צאינה וראינה** און א **מנורת המאור**.

**האדמו"ר מספינקא:** און מען איז געווען צופרידן.

**רבינו:** און עס האט געהאלפן מער ווי היינט. עס איז נישט געווען קיין שולעס, קיין שום זאך, נאר די פאר יודישע ספרים וואס איז געווען.

**האדמו"ר מספינקא:** די פשטות, די אמונה, דאס האט זיי געהאלטען.

**רבינו:** כמדומה לי אז דער **קדושת יום טוב** האט געזאגט, איך בין מתפלל אז מיינע קינדער זאלן קענען לערנען ווי מער, און מיינע טעכטער ווי ווייניגער.

**האדמו"ר מספינקא:** ביי מיין טאטע ז"ל איז געווען, אז א קינד וואס איז אהיימגעקומען מיט א טעס"ט, ווי קלענער די נאמבע"ר איז געווען, האט ער איר געגעבן א גרעסערע מתנה. די מתנה איז געווען א וועיפע"ר אדער א טשאקלע"ד. אבער די יונגעלעך האט ער געוואלט אז זיי זאלן קענען.

**רבינו:** כל המלמד בתו תורה כאילו לימדה תפלות (סוטה כ.).

**האדמו"ר מספינקא:** מיין טאטע האט אמאל געזען איינע פון די טעכטער ווי זי גייט צו צום ספרים שאנק, האט ער איר געפרעגט, וואס זוכסטו דארט. זי האט געוואלט ארויסנעמען א נ"ך עפעס נאכקוקען, עפעס וואס מען האט געלערנט אין סקול, און ער האט אנגערופן רבי בנימין הערש בערקאוויטש, וואס גייט פאר? א מיידל זאל צוגיין צו א שאפע, וואס האט מען געלערנט אין סקול? דעמאלטס איז ער אריין צום **סאטמאר'ער רב** ז"ל,

און ער האט איבערגעגעבן אז די טיטשע"ר לערנט עפעס... און ער האט זיך דעמאלטס אריינגעלייגט נאכצוקוקן, און ער האט געהייסן אז מען זאל איר ארויסשטעלן. מען זאל לערנען נאר פשוט.

**רבינו:** דאס איז איינע פון די שווערע פרשיות. א מיידל שולע האט דאך קיינמאל נישט עקזיסטירט. ווי אזוי מען זאל דאס רעגולירן, וואס יא און וואס נישט[ב].

**האדמו"ר מספינקא:** איך פיל היינט, אז די בליק אז זיי דארפן א בן תורה, אזוי גייט הייגט די שפראך, אז זיי דארפן איינער וואס זאל זיצן און לערנען, איך שפיר אז דאס איז א שווערע זאך, זיי ווייסען אליין נישט וואס זיי ווילן.

**רבינו:** זיי דארפן נישט, זיי זאגען נאר אז זיי דארפן.

**האדמו"ר מספינקא:** אסאך מאל קומט עס גוט אויס, אז מען זאל קענען זאגען פאר די חבר'טעס, אבער א וואך נאך די חתונה וויל מען פארן אהין און אהער.

**רבינו:** זיי ווילן אז עס זאל זיין תורה וגדולה במקום אחד. ב"ה זיי זאגען כאטש אזוי, אמאל האט מען נישט געזאגט אויך נישט. מען האט געזאגט, אז מען דארף נישט א בן תורה. אבער הייגט האלט מען שוין אויף א מדרגה.

**האדמו"ר מספינקא:** זיי זאגען אז זיי האפן אז זיי וועלן אויפשטעלן א שטוב פון תורה. זיי קוקען ארויף דערויף.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**ובירכו רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, און אין א מזל'דיגע שעה, און מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, מתוך שמחה והרחבת הדעת אי"ה.

**ואיחל להחתן:?** דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, מען זאל קענען אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב, לתפארת פון די אבות און די זיידעס, מתוך שמחה ונחת.

**האדמו"ר מספינקא הזמין את רבינו שליט"א לשמחת הפארשפיל בבית מדרשו במוצאי שב"ק.**

**רבינו:** איך ווייס נישט צו איך וועל זיין אין שטאט, ווייל עס איז דא א דינער ביי אונז אין די מוסדות פון מאנסי. קען זיין צוריקצווועג'ס, אויב עס וועט נישט זיין צו שפעט.

**וכיבדו רבינו שליט"א בספרי ולאשר אמר - ויגד משה החדש על התורה, ונפרדו לשלום**

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה. אחר מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע רבינו שליט"א לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **אהרן צבי טויב** ע"ה אב"ד האליין (ב"פ).

---

[ב] בהקדמה לספר **עזר מיהודה** (על פרקי אבות) כתב **הגה"צ רבי אברהם חיים שפיצער זצ"ל** אב"ד דק"ק אור חיים וז"ל: באחת השנים בגמר שנת הלימוד של הבית יעקב דקהל עדת יראים, ישבנו בחדרו של מרן [בעל **עזר מיהודה**] זצ"ל, הנוכחים היו, מרן זצ"ל, **הגה"צ רבי יוסף אליהו שטיינער זצ"ל** דומ"ץ דקהל עדת יראים, המנהלת, וב' בעלי בתים שהיו פעילים ועסקנים בבית יעקב, ולהבחל"ח אני הצעיר. והמדובר היה לבדר הלימודים בתנ"ך על זמן שלאחר ימי הקיץ. ותיכף כאשר דרכתי על מפתן חדרו של מרן זצ"ל, ראיתי שהוא מרוגש מאוד, ומראה פניו רצינים ביותר. ישבנו שם, ועל השולחן היה מנוח תנ"ך ספר שמואל, והתחיל מרן לדפדף, והצביע על כמה ענינים שאינו רוצה שילמדום, כמו מעשה דנוב עיר הכהנים, ומעשה דבעלת אוב, ועוד ענינים שונים. [ואני ידעתי היטב כי כל האחריות יפול עלי, כי לא מרן זצ"ל ובפרט הגרי"א זצ"ל לא ביקרו כלל בבית יעקב, ואותי צוה מרן זצ"ל לבקר שם כמעט מידי יום ביומו, ולמסור לו כל התהלוכות מבלי להעלים דבר, ובמשך שנה שלימה כמעט, פקד עלי מרן זצ"ל לילך ולדבר אל הנערות בכתה הגבוהה בכל ערב שבת קודש מפרשת השבוע, ולהבליט בעיניהן חשיבותן של האמהות הקדושות מדורות הקודמים, וממילא הייתי מעוניין בדבר יותר מכל הנוכחים]. ואחד מבעלי בתים שהיו שם אמר בחיוך: 'רבי, דאס נישט און דאס נישט, און וואס יא?', לשמע דברים אלו עמד מרן זצ"ל מכסאו מלא קומתו, ואחז בכתיפיו של אותו בעה"ב [שהיה אוהבו ומוקירו מאוד], ואמר לו בזה הלשון: הערן זי מיר צו! ווי אזוי צו פירן א ישיבה, האב איך בקבלה, איך האב עס געזעהן ביי מיין מאדע'ר רבי'ן [**הלבושי מרדכי**] זצ"ל, און איך האב עס געזעהן ביים **קרן לדוד** זצ"ל, ווייס איך ווי אזוי צו פירן א ישיבה. א מיידל שולע האב איך נישט קיין קבלה, ביי אונז איז דאס נישט געווען, אבער איך זעה איין אז דאהי דארף מען עס צו האבן. אבער איין זאך וויל איך אהנען זאגן! אויב איך וועל פילן אז די מיידל שולע ווערט געפירט אזוי אז מיין מאמע ע"ה וואלט נישט מסכים געווען, דאן פארשפאר איך די שולע געסטער"ן [אתמול], פארשטעהן זי, נישט מארגן, געסטערן!. ואחר שגמר דבריו שנאמרו בלהט אש בכל איבריו וגידיו והרגשותיו, ישב מרן על כסאו, ופתאום קלחו מעיניו הבדולחים זרם של דמעות חמות ועצומות במשך זמן ממושך, גנח ויילל בדרך שהיה עושה בדרשת ז' אדר, אבל עוד יותר מזה, וכל כולו היה מורגש באש קודש שלהבת דקדושה, ואנחנו ישבנו שם בלי אפשרות לעשות אפילו תנועה קלה, ובזה נסתיים אותה אסיפה.

__*מתוך השיחה*__

**א' האבלים:** מיין טאטע פלעגט צו פארציילען, אז די אונגערישע זענען געווען גרויסע רשעים, זיי האבען געהאט א יודישע אפטיילונג אין די מיליטער, און אלע סכנות'דיגע זאכען האבען זיי געטון מיט די יודען. איינמאל האט מען ארויסגעשיקט די יודען אין מיליטער אז זיי זאלן זיין ערשט, אז אויב די רוסן שיסען, זאל עס קודם כאפן די יודען. אבער די רוסן האבען געשאסן מיט גרויסע ארטילערי, אז עס איז איבערגעגאנגען די קעפ, און אלע אונגערישע זענען געשטארבען, און די יודען זענען געבליבן. און זיי האבען זיך זייער אויפגערעגט דערויף, און די קומענדיגע מאל האבען זיי געטון פארקערט, זיי האבען קודם געלאזט די אונגערישע, און נאכדעם די יודען, אז זיי זאלן זיין פון אונטען. האט דער אייבערשטער געפירט, אז די קומענדיגע מאל האבען זיי געשאסן קליינע ארטעלערי, און די אונגערישע זענען געשטארבען, און די יודען זענען געבליבן.

**רבינו:** אזוי ווי די מעשה פונעם **רבי ר' אלימלך** און **רבי ר' זושא**, וואס האבען געטוישט די בעטן[ג].

**א' האבלים:** אז מען הייסט טאנצן מוז מען טאנצן.

**רבינו:** איך האב געהערט נאכזאגן אויפן **באבוב'ער רב**, אז ווען ער האט געענדיגט פארציילען די מעשה פונעם **רבי ר' אלימלך** מיטן **רבי ר' זושא**, אז זיי האבען זיך געטוישט די בעטן, האט מען אים געפרעגט, צו ער האט גוט געטון, אז ער האט געהייסען זיך טוישן, אדער עס איז געווען א עוולה דערין. מען זעהט דאך אז נאכדעם וואס ער האט זיך געטוישט, האט מען אים נאכאמאל גענומען. האט דער **באבוב'ער רב** געזאגט, א מענטש איז זיך מחוייב מציל צו זיין מיט וואס ער קען, אבער נישט אויף יענעמס חשבון. אז מען טוישט די בעט אז יענער זאל באקומען קלעפ....

**א' האבלים:** מיין טאטע האט פארקויפט די בית מדרש אין קרוינהייטס פאר א שכן, א גוי, און ער האט זיך אויסגענומען אז ער זאל עס נישט מאכן דערפון א טיאטער, און עס איז געווען דארט אויך א מקוה, און ער האט עס געוואלט צוווארפען און איבערמאכן, איז אים זיין מאמע געקומען אין חלום, דריי נעכט איינס נאכן אנדערן, אז עס איז א הייליג פלאץ און ער זאל גארנישט רירן, און ער האט גארנישט גערירט. אלעס איז נאך אזוי ווי עס איז געווען, ער האט גארנישט גערירט.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודא.

*

__*שבת קודש פרשת ויגש*__

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק משינאווע זי"ע**, שיומא דהילולא חל בשבוע זו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

---

[ג] נעתיק בזה מתוך דברי **רבינו שליט"א** במסיבת לחיים ביומא דהילולא של הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע בבית מדרשנו זכרון יהודא ליל כ"א אדר תשע"ד לפ"ק: דער **רבי ר' אלימלך** מיטן **רבי ר' זושא** זענען געגאנגען גלות לײדען. זיי פלעגן ארום צו פארן אין די שטעט, און זיי האבען נישט געהאט א פלאץ ווי צו שלאפן און עסן געהעריג, גלות מכפרת (ברכות נו.). און ווי זיי זענען געקומען, פלעגן זיי פראבירן מקרב צו זיין יודען צו עבודת ה'. אמאל זענען זיי אנגעקומען אין א קרעטשמע, און זיי זענען געווען זייער מיד און צובראכן פונעם וועג, און זיי האבען זיך געלייגט שלאפן. דער **רבי ר' אלימלך** האט זיך געלייגט אויף די דרויסענדיגע בעט, און דער **רבי ר' זושא** האט זיך געלייגט אויף די בעט וואס איז געווען מער אינווייניג. ביינאכט זענען אריינגעקומען אין דעם קרעטשמע פויערן, און זיי האבען זיך אנגעשיכור'ט, און זיי זענען געווארן אויפגעהייטערט, און זיי האבען געוואלט כאפן א טאנץ. און אז עס איז דא א יוד וואס מען קען מאכען טאנצן, זענען זיי געגאנגען, און זיי האבען אויפגעוועקט דעם **רבי ר' אלימלך**, און זיי האבען אים געשלעפט, אז ער זאל קומען טאנצן מיט זיי. נאך א שטיק צייט האבען זיי אים אפגעלאזט, און ער איז זיך געגאנגען צוריקלייגען. נאכדעם האבען זיי זיך ווייטער אנגעשיכור'ט, האבען זיי אים ווייטער גענומען טאנצן. אזוי איז געווען א פאר מאל.

זאגט דער **רבי ר' אלימלך** פארן **רבי ר' זושא**, איך שלאף דא אינדרויסן, נעמט מען מיר צו טאנצן. לאמיר זיך טוישן די בעטן, איך וועל מיר לייגען אינווייניג, און דו וועסט דיך לייגען אינדרויסען, וועסטו אביסל טאנצן, און איך וועל האבען אביסל מנוחה. האבען זיי זיך געטוישט. און די פויערן האבען נישט באמערקט אז זיי האבען זיך געטוישט. ווען זיי האבען זיך ווייטער מיישב געווען, אז מען גייט אים נאכאמאל נעמען טאנצן, רופט זיך איינער אן, מיט דעם יוד האבען מיר שוין גענוג געטאנצן, יעצט לאמיר נעמען דעם אנדערן וואס ליגט אינווייניג. און זיי האבען נאכאמאל גענומען דעם **רבי ר' אלימלך** צו טאנצן. האט זיך דער **רבי ר' אלימלך** אנגערופן, 'אז עס איז באשערט צו טאנצן, טאנצט מען'. אז מען האט אויסגערופן אויבן אז מען זאל טאנצן, איז נישט קיין חילוק ווי מען ליגט.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** להשתתף בדינער השנתי לטובת התלמוד תורה דקהלתנו המתנוסס לתפארה בעיר מאנסי, שהתקיימה באולם בנין ווילהאוויץ, בהשתתפות ציבור נרחב תומכי תורה ואנשי שלומינו, הורי וזקני התלמידים, ובראשם גדולי רבני העיר שליט"א.

את הדינער פתח היו"ר רבי **אברהם משה זילבער** שליט"א מלמד בת"ת (חתן הר"ר יאיר צבי גרינצווייג הי"ו), וכיבד את הרה"ג **רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי לשאת דברים. דרשה נפלאה השמיע מנהל התלמוד תורה הרה"ג **רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי.

*

**במרכז הדינער נשמעו דברים מאת הרב יהודא באדאנסקי שליט"א מחברי הנהלת המוסדות, בבשורה מרנינה לקהל אנ"ש על הרחבת גבולי הקדושה בקרב קהלתינו בעיר מאנסי. בראש וראשון מתכוננים למעמד הנחת אבן הפינה – בשלהי חדשי החורף דהאי שתא – לבית המדרש החדש התאחדות אברכים, אשר יבנה ברוב פאר והדר בשטח הגדול ורחב ידים ברחוב פרענסיס, וישמש כמגדל אור לאברכי אנשי שלומינו בעיר מאנסי.**

**כמוסיף והולך בישר טוב אשר לקראת השנה הבאה שנת תשע"ו לפ"ק עומדים לפתוח אי"ה 'בית חינוך לבנות' שע"י קהלתנו בעיר מאנסי, לחנך בנותינו על דרך ישראל סבא, תחת נשיאותו ופיקוחו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אשר על פי הוראות קדשו ישק כל דבר קטן וגדול, וכבר נתמנה על ידו וועד הנהלה רוחני אשר יעמדו לשרת בקודש בכל עניני התפתחות המוסד, ובזמנים הקרובים יתפרסמו הפרטים בקרב קהל אנ"ש.**

**והחוט המשולש בפתיחת שערי 'ישיבה קטנה וויען' בעיר מאנסי, אשר תשמש כשרשרת נוספת למוסדותינו הקדושים, לחנך בחורי חמד בתורה ויראת שמים לעלות בסולם העולה בית א-ל, בדרך המסורה לנו מדור דור.**

**הדברים נתקבלו ברוב רגש והדוה בקרב אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, כפריחה ושגשוג מוסדותינו הקדושים לשם ולתפארת, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!**

*

במשך הדינער נתעטרו: 'נזר עטרת זקנים' הרב **ישראל אשר בענעדיקט** הי"ו, 'נזר תפארת אבות' הרב **רבי נחום שארף** שליט"א, 'נזר ההורים' הרב **אפרים מרדכי פריעדמאן** שליט"א (חתן הגה"צ דומ"ץ דקהלתנו בבארא פארק שליט"א). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

__*וזה תוכן השיחה*__

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, ואת יהודא שלח לפניו וגו' להורות לפניו גשנה (בראשית מו-כח), און רש"י זאגט, לתקן לו בית תלמוד. יעקב אבינו האט געזען, אז עס קומט די צייט וואס מען דארף גיין אין גלות, מען דארף גיין קיין מצרים אין א ערות הארץ, האט ער בעפאר ער גייט אראפ קיין מצרים אראפגעשיקט יהודא, אז ער זאל אויפשטעלן דארט א בית תלמוד. מען געפינט נישט אז ער זאל האבען א בית תלמוד, ווילאנג ער איז געווען אין ארץ כנען. ווייל ווילאנג יעקב אבינו איז געזעסן צוזאמען מיט די שבטי י-ה און די אייניקלער, איז דאס אליין געווען א הייליגע שטוב, און מען האט נישט געדארפט האבען א בית תלמוד, די שטוב אליין איז געווען א בית תלמוד. אבער ווען מען גייט אראפ אויף מצרים, אין א שיעבוד פון מצרים, ועבדום ועינו אותם, זיך דרייען צווישן אומות העולם, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, קען זיך נישט האלטן קיין יודישקייט נאר אז מען האט א בית תלמוד, ווי קינדער ווערן מחונך פון צופרי ביז ביינאכט, מען זיצט אין תלמוד תורה און אין ישיבה, און מען לערנט, דאס איז די איינציגע תורה וואס וועט זיי אויפהאלטן אינעם גלות. האט יעקב אבינו געשיקט יהודא בעפאר מען גייט אראפ קיין מצרים, אז ער זאל מתקן זיין א בית תלמוד, ווייל אנדערש ווערט מען נישט קענען ערציען דורות אין מצרים, נאר אז עס ווערט זיין א בית תלמוד. **דאס איז געווען א הכנה פארן גלות, ווען יודען וועלן גיין צווישן אומות העולם, די כוחות וואס מען לייגט אריין אין די קינדער אין די יונגע יארן, די חינוך וואס מען געבט זיי נאך פאר מען גייט ארויס אין די גאס, זיי זאלן קענען האבען די כוחות, אנצוגיין ווייטער אין עבודת הקודש. דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אויף, אז עס זאל זיך קענען ווייטער ציען א המשך על דרך ישראל סבא.**

**מען** געפינט ביי יעקב אבינו בשעת ער איז געגאנגען נעמען די ברכות פון זיין פאטער, האט יצחק געזאגט, הקול קול יעקב והידים ידי עשו (בראשית כז-כב). דער פשוט'ער פשט איז, אז דער קול האט אויסגעקוקט ווי פון יעקב, און די ידים האט

אויסגעקוקט ווי פון עשו. אבער חז"ל (ב"ר סה-כ) זאגען, אז בזמן שקולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובתי מדרשות אין הידים ידי עשו, ווילאנג עס איז דא א קול, ווילאנג יודען זיצען און לערנען תורה, איז נישטא קיין ידים ידי עשו. אבער ווען עס איז נישט דא די קול אין בית הכנסת און אין בית המדרש ח"ו, דעמאלטס דארף מען חייש זיין, אויף די ידי עשו.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז די דרשה איז זייער א שיינע דרשה, אבער עס שטימט נישט די לשון אינעם פסוק. דער פסוק זאגט דאך הקול קול יעקב והידים ידי עשו, עס איז קול יעקב, און די ידים זענען די הענט פון עשו. עס וואלט געדארפט צו שטיין, הקול קול יעקב ואין הידים ידי עשו. עס שטייט פונעם **גר"א**, אז הקול קול יעקב, די ערשטע 'קול' איז חסר, עס פעלט א וא"ו דערין, נאר אין די צווייטע קול שטייט א וא"ו. האט ער געזאגט, 'הקל קול יעקב', ווען די קול יעקב איז חסר, עס פעלט אינעם קול פון יעקב, דעמאלטס איז הידים ידי עשו. אבער ווען דער קול יעקב איז מלא, דעמאלטס איז נישט הידים ידי עשו.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס איז דא אין דעם נאך א כוונה. אוודאי איז זייער חשוב בתי כנסיות און בתי מדרשות, ווי מען זיצט און מען לערנט תורה, אבער צו דעם דארף מען האבען די מחזיקי תורה, וואס טוען דאס שטיצן. עס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדעם איינעם, וואס האט א חלק אז די קינדער זיצן און לערנען. עלטערן קענען נישט דעקן וואס עס קאסט היינט פאר א קינד צו לערנען אין א תלמוד תורה. עס איז נאר די נדיבי עם וואס טוען צו העלפן דערצו, און די האבען א זכות אין אויפבויען דעם קומענדיגען דור פאר תלמידי חכמים. דאס וואס מען טוט צוהעלפען בממון, דאס איז די כח, אז דער קול יעקב קען ווייטער אנגיין.

**די** גמרא (בבא בתרא יא.) פארציילט אויף מונבז המלך, אז בימי רעב האט ער צוטיילט פאר מענטשען אלע אוצרות וואס איז געווען אוועקגעלייגט פון זיינע עלטערן, און פון זיינע זיידעס, און פון אלע מלכים פריער. און די גמרא זאגט, אז מען האט פארגעהאלטן פאר מונבז המלך, אז דיין טאטע האט אוועקגעלייגט אזויפיל אוצרות, און דו גייסט און דו נעמסט די אלע אוצרות וואס מען האט אוועקגעלייגט, און דו טוסט עס צוטיילען. האט מונבז המלך געענטפערט, זיי האבען טאקע באהאלטן דאס געלט, אבער דאס וואס איך טו, דאס וואס איך צוטייל עס, מאך איך א בעסערע אינוועסטמענט פון זיי.

**און** ער האט אויסגערעכנט זעקס מעלות, אז דאס וואס ער טוט, איז בעסער פון זיינע עלטערן. איינס, זיי האבען באהאלטן דא אונטען, אז זיי זאלן האבען אויף די וועלט, און איך באהאלט אויבן, אז איך זאל האבען אויף שפעטער. זיי האבען באהאלטן אויף א פלאץ וואס עס איז יד שולטות בהם, וואס א מענטשנ'ס הענט קען אמאל צוקומען דערצו און עס צונעמען, און דאס וואס איך געב אוועק אויף צדקה, דאס איז אין היד שולטות בהם, איך האב אוועקגעלייגט אזא אינוועסטמענט וואס קיינער קען עס נישט צונעמען. זיי האבען אוועקגעלייגט אן אוצר וואס ברענגט נישט קיין פירות, עס ליגט גאלד און זילבער אין די אוצרות, און איך געב עס אוועק פאר צדקה, וואס דער קרן איז קיימת לעולם הבא, און עס איז אוכל פירותיהם בעולם הזה, איך האב סיי די קרן און סיי די פירות. זיי האבען באהאלטן געלט, זייער געלט ליגט, און איך באהאלט נפשות, איך געב עס פאר צדקה, און מענטשען לעבן פון דעם, עס איז חשוב'ער וואס מען געבט פאר נפשות, ווי דאס וואס זיי האבען אוועקגעלייגט זייער געלט. זיי האבען באהאלטן פאר אנדערע, זיי האבען נישט גענוצט זייערע אוצרות, נאר זיי האבען עס אוועקגעלייגט פאר זייערע קינדער און אייניקלעך, עס ליגט אזוי ווי עס איז געלעגן. און איך באהאלט פאר מיר, וואס איך געב אוועק, דאס טו איך פאר מיר, ולך תהיה צדקה (דברים כד-יג). זיי האבען אוועקגעלייגט נאר בעולם הזה, און איך לייג אוועק לעולם הבא. ער האט אויסגערעכנט זעקס מעלות, פארוואס צדקה איז א בעסערע אינוועסטמענט, ווי דאס וואס א מענטש לייגט אוועק פאר זיך.

**דער** 'קול' מוז זיין מלא, דער וא"ו מוז זיין אינווייניג, ווען עס איז דא דער וא"ו אינווייניג, וואס דאס ווייזט, אז א מענטש איז מחשיב וואס ער געבט אוועק צדקה, און ער איז זיך מתבונן, אז דאס וואס איך געב אוועק פאר צדקה, איז מיט זעקס מאל מער ווערט, פון דאס געלט וואס איך לייג אוועק,

זעקס מעלות האט נתינת צדקה מער פון דאס וואס ער האלט פאר מיר. ווען דער קול איז מלא, עס איז אינוויינינג דער וא"ו, דעמאלטס איז אין הידים ידי עשו. דעמאלטס האט מען געלט, און מען קען מחזיק זיין תורה, און מחזק זיין תורה, און עס ציעט זיך תורה, און ווען עס איז דא תורה איז אין הידים ידי עשו. אבער ווען עס איז 'הקל קול יעקב', ווען דער קול איז חסר, דער וא"ו אינוויינינג איז נישטא, מען האט נישט די השגה צו געבן געלט פאר צדקה, עס פעלט די השגה אז איך געב נישט פאר פרעמדע, נאר איך געב עס פאר מיר, איך באהאלט עס פאר מיר, איך באהאלט עס פאר א זאך וואס מאכט פירות, פאר א זאך וואס קיינער קען עס נישט צונעמען פון מיר, ווען עס איז דא דער וא"ו אינווייניג, דעמאלטס איז אין הידים ידי עשו.

**יודען** קומען זיך צוזאם, און מען איז מחזיק תורה, מען געבט היינט אוועק אסאך געלט פאר החזקת התורה, עס איז קיינמאל נישט געווען אין די היסטאריע פון יודען, אז יודען זאלן געבן אזויפיל צדקה וויפיל מען געבט אין די לעצטע גלות ווי מיר זענען. עס איז אויך א געוואלדיגע זכות, וואס א יוד טוט און ער געבט אוועק פאר תורה, ער בויט אויף תורה, און ער בויט זיך אליין אויף, און די זכות פון דעם איז זייער גרויס. די פסוק (דברים טו-י) זאגט, נתון תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך, אין דעם זכות וואס מען טוט צדקה וחסד, איז דא א ברכה פונעם אייבערשטן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מחזיק זיין תורה.

**איך** וויל באדאנקען פאר די אלע עסקנים וואס טוען פארן מוסד א גאנץ יאר, און עקסטער יעצט פארן דינער. איך וויל ארויסברענגען וואס איז נוגע צום תלמוד תורה, ר' יודל באדאנסקי און ר' יואל פיליפ וואס טוען אסאך, און געבן אוועק זייער צייט, און נעמען אויף זיך די עול פונעם תלמוד תורה, שלא על מנת לקבל פרס. ר' יודל זאל זיין געזונט נעמט אויף זיך נישט נאר דעם עול פונעם תלמוד תורה, נאר ער האט גענומען אויף זיך דעם עול פון אויפשטעלן א מיידל שולע, און צוצושטעלן א ישיבה קטנה, און צו בויען א בית המדרש פאר די יונגעלייט. ואת 'יהודא' שלח לפניו להורות לפניו גשנה.

**איך** האב געזען שטיין, פארוואס האט יעקב אבינו געשיקט יהודא, יששכר איז דאך געווען דער עמוד התורה, און אז מען דארף אויפשטעלן תורה אין מצרים, דארף מען אהין שיקן יששכר, פארוואס האט ער געשיקט יהודא. נאר ווען מען האט געדארפט אראפגיין קיין מצרים ברענגען עסן, האט יוסף געזאגט, אז מען זאל מיטברענגען בנימין, און יעקב האט נישט געוואלט שיקן בנימין, און יהודא האט זיך ארויסגעשטעלט פון אלע ברודערס, איך נעם אויף מיר די אחריות, אז איך וועל צוריקברענגען בנימין, און אז נישט נעמט ער אויף זיך, אז ער וועט פארווארפען ווערן פוןביידע עולמות, וחטאתי לך כל הימים (בראשית מג-ט), **אז מען וויל אויפצושטעלן תורה, איז נישט גענוג א יששכר אליין, וואס איז א גרויסער תלמיד חכם, וואס ער וועט אויפשטעלן תורה, נאר מען דארף האבען איינעם וואס איז א בעל אחריות, וואס נעמט אויף זיך, און ער קען זאגען, אנכי אערבנו מידי תבקשנו (שם), איך נעם עס אויף מיר, אז איך וועל עס אויספירן, און ער איז זיך גרייט מפקיר צו זיין, דער קען אויפשטעלן תורה.** האט ער געשיקט יהודא, ווייל יהודא איז געווען דער וואס האט זיך אהערגעשטעלט פאר יעקב, ווען עס האט אויסגעפעלט, מער פון אלע אנדערע ברודערס.

**זאל** אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל קענען אויספירן זיינע שאיפות, אויף תורה און יראת ה'. אין זכות וואס יודען טוען צדקה וחסד, זאל דער אייבערשטער העלפן אז בזמן שקולו של יעקב איז נשמע בבתי כנסיות ובתי מדרשות, אין הידים ידי עשו, און מיר זאלן שוין קענען פטור ווערן פון די ידים ידי עשו. און דער באשעפער זאל אונז שיקן די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הדינער חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל שמחת הפארשפיל של בן **כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א**, שהתקיימה בבית מדרשו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם **האדמו"ר מספינקא שליט"א.**